פארגרעסערטע
שבועות
אויסגאבע

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ג'
עומער קכ"ח
**יו"ט שבועות**
תשפ"ב



# קבלת התורה פונדאסניי



**אנטלאפן פון אוקריינא**



**וויאזוי איז מען אנגעקומען קיין אומאן 9/11**



**שמחת החתונה ביים ראש ישיבה שליט"א**



**היסטאריע פון קרית ברסלב ליבערטי**

**קרית ברסלב בלעטל וואונטשט פאר אלע חשובע לייענער א פרייליכן יום טוב שבועות**

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com


**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

## בריוו
*פון דער רעדאקציע*

## שבועות בלעטל

לכבוד יום טוב שבועות שטעלן מיר אייך פאר א רייכע ביילאגע פון הערליכע ארטיקלעך, גאסט ארטיקל, בריוו פון ליינער און נאך, אלעס אנגעפולט פיל מיט תוכן.

מיר האפן איר וועט הנאה האבן און ארויס נעמען שיינע עצות וויאזוי צו אדורכגיין די וועלט מיט אמונה אינעם אייבערשטן, און געדענקן שטענדיג אז אין יעדן מצב איז דער אייבערשטער מיט אונז, און וואס מען דארף קען מען פון אים בעטן.

מיר האבן עס א נאמען געגעבן "קבלת התורה פונדאסניי", על שם די מעשה וואס האט פאסירט ביי רבי נתן, ווען איינמאל יום טוב שבועות האט ער ארויס גענומען די ספר תורה פון ארון קודש, און אנגעהויבן טאנצן מיט גרויס התלהבות "א נייע תורה, א נייע תורה"!

רבי נתן האט געשפירט עפעס אזא געשמאק יום טוב שבועות, ער האט געשפירט ער איז יעצט מקבל די תורה פונדאסניי, און דאס קענען מיר אויך שפירן, אויב מיר וועלן פאלגן דעם הייליג'ן רבי'ן און לערנען תורה יעדן טאג אויפן וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז.

ליינט און האט הנאה.

א גוט יום טוב.

## זמנים Liberty

**פרשת במדבר ה' סיון תשפ"ב**

**הדלקת הנרות** ........... 08:10
**מוצאי יום טוב** ........... 09:43
**מנחה מעריב נשא**.........9:15

**דאנערשטאג מנחה 08:45. מעריב נאכ'ן שיעור**






## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 03 | 72°/47° | | Partly Cloudy |
| Sat 04 | 72°/50° | | Mostly Sunny |
| Sun 05 | 71°/53° | | Partly Cloudy |
| Mon 06 | 71°/54° | | PM Showers |
| Tue 07 | 72°/55° | | Showers |
| Wed 08 | 71°/55° | | AM Showers |
| Thu 09 | 72°/57° | | Mostly Cloudy |
| Fri 10 | 72°/57° | | Few Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

## קרית ברסלב

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין

אדער שיקט א טעקסט צו:

**718·387·2691**

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250



# א אפענהארציגע
# בריון

לכבוד חברי מערכת "קרית ברסלב בלעטל" כל אחד בשמו הטוב יבורך

אחד"ש וויל איך מיך באדאנקען פאר די הערליכע אויסגאבע, וואס הגם עס קומט מיר אן שווער צו טרעפן דעם שיינעם קרית ברסלב בלעטל, בפרט אין די פלאץ ווי איך וואוין - וואס מילד גערעדט - איז ברסלב נישט אזוי שטארק אנגענומען, מיט דעם אלעם מאך איך זיכער אז עס קומט אן צו מיר יעדע וואך, איך ליין עס פון דעקל צו דעקל מיט א געוואלדיגע פארגעניגן.

איך האב נאר איין פראבלעם דערמיט, ווען איך קום אן צום לעצטן בלאט און עס וויל זיך א מיש טאן, פארצוזעצן ליינען ווייטער די הערליכע ארטיקלען, ווער איך יעדע וואך פון פריש אנטוישט, ווען איך ווער געוואר אז דאס איז גאר די לעצטע בלאט פון דעם נומער, און אויב וויל איך ליינען ווייטער דארף איך ווארטן אויפ'ן בלעטל פון קומענדיגע וואך...

אלס א שרייבער אין פילע אידישע מאגאזינען, וויל איך אייך
מיטטיילן א
ע נ י ן



וואס איך זע, איך וואונדערט זיך אוודאי וואס מאכט אייער מאגאזין אייגענארטיג, אנדערש פון די הונדערטער אידישע מאגאזינען וואס ערשיינען וועכענטליך אויף די אידישע מארקעט, וועל איך אייך זאגן, די אייגענארטיגקייט פון אייער בלעטל דער פאקט אז ווען מען ענדיגט דאס ליינען געשעהט עפעס אינעם ליינער, ס'איז נישט עפעס א טויטע ארטיקל מיט א גלאנציגע קעפל, וואס ווען מען ענדיגט עס ליינען און מען מאכט עס צו בלייבן די ווערטער אינעם מאגאזין, און ס'איז אותיות פורחות באויר; דא ביי אייער בלעטל קומען די אותיות מיט, זיי באגלייטן דעם ליינער נאך דעם וואס יענער האט שוין פארמאכט דאס בלעטל.

דער שבת טיש איז שוין גאר אן אנדערן שבת טיש, דער געפיל צו די קינדער ווערט נענטער, די באנעמונג צום ווייב ווערט געשמאקער, און אזוי אן א צאל זאכן וואס טוישן זיך, דורך די פשוטע אבער טיפע ארטיקלען פונעם הערליכן קרית ברסלב בלעטל.

איך וויל מיך באציען צו א בריוו צום מערכת וואס איז אריין אין די אויסגאבע פון יום טוב פסח, איך האב עס געליינט, און איך וויל בעטן רשות אויב איך מעג מעיר זיין אויף די ווערטער פון יענעם שרייבער. איך האף אז עס וועט נתקדש ווערן שם שמים על ידי מיט

די ווערטער וואס איך שרייב אייך.

דער שרייבער פונעם בריוו ברעגט ארויס אז עס זענען דא דריי ברענענדיגע פראבלעמען וואס פלאגן כלל ישראל, וואס ביי אייך אין ברסלב איז עס געלעזט געווארן:

**א.** די מאנגל אין ישיבות פאר פילע בחורים.

**ב.** די מאנגל אין עפארדעבל דירות.

**ג.** די קריזיס פון די אומגעהויערע הוצאות החתונה.

וואס ביי אייך אין די קהילה איז די פראבלעם געלייזט געווארן, דער שרייבער פירט אויס אז ער האפט אז עס וועט זיין: ממנו ילמדו וכן יעשו, ער אפעלירט צו אנדערע מנהיגים אז זיי זאלן גיין אין די פיסטריט פונעם ראש ישיבה שליט"א און אנהייבן מאכן א רעוואלוציע און נאכטון די זאכן וואס אייער קהילה האט געטון כאטש למחצה לשליש ולרביע.

איך מוז זאגן אז ער איז גערעכט מיט דעם וואס ער ברענגט ארויס, און מ'קען זאגן אז די זאכן זענען פון די שטערקסטע פראבלעמען ביי כלל ישראל, און אין א געוויסע זין איז עס דא געווארן ווי מען זאגט געלעזט.

איך וויל אבער אביסל צעלייגן דעם ענין ווי אזוי איך קוק דערויף, לאמיר נעמען יעדע פון די דריי זאכן און עס צעלייגן אויף קליין געלט, לאמיר זען די זאכן וואס זענען יא געטון געווארן אין אנדערע קרייזן צו פארמיידן אדער פארגרינגערן די פראבלעמען, ווייל ווי נישט האבן דאך די אלע פראבלעמען עולה געווען על שלחן מלכים, מען האט עס דיסקוסירט ביי רבנים און צווישן עסקנים, און לאמיר זען ווי אזוי די פראבלעמען זענען ווייטער געבליבן, און נאכדעם מאכן א אנדערע מסקנה פארוואס ביי אייך זענען די פראבלעמען אוועקגענומען געווארן, און פארוואס אנדערע זענען אינערגעץ נישט אנגעקומען.

**פראבלעם נומער איינס:** די מאנגל אין ישיבות, דאס הייסט אז זייער סאך בחורים האבן נישט קיין ישיבות.

פילע ישיבות האבן זיך געעפענט פאר "אזויגערופענע" בינונים און חלשים... אויף די מער מאדערנע שפראך "מציונים"... ווי אויך זענען געגרינדעט געווארן ארגאנעזאציעס צו פלאצירן יעדע בחור אין זיין סוג ישיבה, ווי עס ווערט בפירוש אדווערטייזט אין די בלעטער יעדער אנהייב זמן.

איז לאמיר שוין זאגן אז די פראבלעם איז געלעזט געווארן, מען האט זיך צאמגעזעצט, און... א' מרחשוון אלע בחורים געפינען זיך פלאצירט אין ישיבות, מיט דעם אלעם איז די פראבלעם ווייט פון געלעזט, ווייל לאמיר עפענען א קליינע שפארינע און אריינבליקן בין כותלי בית המדרש און נאכפאלגן און זען וואס טוט דער בחור אין ישיבה, לאמיר גיין א טריט ווייטער און אריינבליקן אינעם שליסל לאך פון די כיתה ווי דער מגיד שיעור געבט זיין שיעור פאר די בחורים.

לאמיר באגלייטן דעם בחור פון צופרי ביז ביינאכט און זען פארוואס טוישט זיך נישט די תוכן פון דעם בחור, אוודאי אינדרויסן בליטשקעט עס, בחורים קומען אהיים ביינאכט מיטן הוט און רעקל, די גארטל

צאמגעדרייט און העגנט אזוי חסידיש, אונטער'ן ארעם ליגט באשיידן ס'תפילין בייטל... אבער וואס רבונו של עלם טוט דער איד בחור א גאאאאאנצען לאנגן טאג?

איך שריי נישט חס ושלום אויף אייך, איך שריי וויל עס טוט ווי, לאמיר זיך צומאכן די אויגן און זיך פארשטעלן: עס איז געלונגען, אלע בחורים געפינען זיך פלאצירט אין ישיבות! אבער ווי אזוי איז דער "ברענענדיגער פראבלעם" געלעזט געווארן, **מה הועילו חכמים בתקנתם**, וואס וועט שוין זיין אז מען לאזט דעם בחור זיצן אין ישיבה, וואס רבונו של עולם טוט ער דארט א גאנצע לאנגע טאג. די פראבלעם ברענט און ברענט און פלאקערט ווייטער; וואס האט א בחור פון דעם געלעזטן פראבלעם, אז ער קען זיצן אין ישיבה ווען די מעסידזש וואס ער באקומט דארט איז: א ערליכער איד איז איינער וואס פאסט אריין אינעם סיסטעם, א מציון, א גוטע בחור איז איינער וואס האלט מיט די קובץ שיעורים, אפגעזען צו אינעווייניג איז ער פארדארבן.

וואו איז מען אנגעקומען אז דער בחור זיצט שוין אין ישיבה, אבער א טאג נאך ער פארלאזט די כותלי הישיבה הייבן זיך אן צו באווייזן צייכענעס פון שימל אויפ'ן אויבערפלאך, עס דערקענט זיך ביי זיין שלום בית, ביי זיין שמירת עיניים, ביי זיין אמונה, און ווידעראום דער שוואכער איז איינער וואס האט נישט קיין נערוון צו דערגיין וואס עס קוועטשט דעם גרנ"ט אויפן צווייטען "עוד יש לומר" פון תוספות, אבער זיין דאווענען איז מיט יראת שמים, זיין פנימיות איז ערליך, ער קען זיך פשוט נישט אזוי אהערשטעלן און לערנען ווי דער צווייטער.

**פראבלעם נומער צוויי:** א מאנגל אין עפארדעבל דירות.

מען קען זאגן אז מען האט א סאך געטון אין דעם פרט, און מען קען זאגן אז אויף א געוויסע פארנעם זענען זאכן געקרוינט געווארן מיט הצלחה:

צענדליגע נייע ישובים ווערן געבויעט יעדן טאג, אידן ציען זיך אויס צו גרעסערע דירות. פראבלעם געלעזט?!

א גרויס חלק פון די וואס האבן געוואוינט צווישן היימישע אידן און וואלטן געשיקט אין ערליכע מוסדות, ציען זיך ארויס אין געגענטער מיט גאר שוואכע שכנים, גאר שוואכע מוסדות, די פרויען פאלן אין צניעות, די מענער לעבן אן קיין עול, און די קינדער ווערן מחונך גאר שוואך אין אידישקייט.

**פראבלעם נומער דריי:** די אומגעהויערע הוצאות החתונה.

וואס עס איז שוין געטון געווארן אין דעם געביט: כח היחיד, עפארדעבל חתונה פלאן, איך געדענק נישט אלע נעמען פון ארגאנעזאציעס און טשעלענדשעס וואס זענען אונטערגענומען געווארן, אבער למעשה אונזערע מנהיגים האבן טיילוויז דערהערט אונזער ווי געשריי און געטון דערוועגן

עס איז אנטשטאנען א אויפוואכונג ביי די בתי חינוך צו מעורר זיין די מיידלעך אז זיי זאלן מסכים זיין... צו גיין מיט CZ צירונג, אזש עס איז ממש דא א רייץ צווישן די מיידלעך... און ווער עס קען מאכן א ביליגערע חתונה ווערט מער ארויפגעקוקט...

אלזא, דער פראבלעם איז (כאילו) געלעזט!

איך וועל גיין א שטאפל ווייטער, איך האב אנדערע דריי ברענענדיגע פראבלעמען וואס כלל ישראל מוטשעט זיך.

**א.** עס פאלן שטיקער פון כלל ישראל, סיי ביי מיידלעך סיי ביי אינגלעך, אינגעלייט און ווייבלעך, פארוואס זאל מען נישט אריינגעבן א ליבשאפט צו אידישקייט אז די קינדער זאלן וועלן בלייבן אידן.

**ב.** אינגעלייט וואס האבן שוין חתונה געהאט, זייערע עלטערן זענען דורכגעקומען די געוואלדיגע הוצאות החתונה, די הארץ אטאקעס ביז די שידוך איז געשלאסן געווארן, מיט דעם אלעם קומען פאר יעדן טאג סעפערעישן"ס (פירודים) און גיטין רחמנא ליצלן.

פארוואס קען מען נישט אויפקומען מיט א עצה ווי אזוי צו מאכן אז אידישע שטובער זאלן זיך האלטן?

**ג.** די ברענענדיגע נסיונות אין קדושה אין אפיסעס, אויפ'ן גאס, אינדערהיים מיט'ן סמארטפאון און אנעם סמארטפאון.

ווי אזוי קען זיין אז די מיליאנען דרשות, תקנות, קארטלעך, התעוררות, ארגענעזאציעס, פלאקאטן און כינוסים, האבן נישט געקענט אהערשטעלן כלל ישראל זאל אליין מרצונם הטוב ווילן האבן א ערליך לעבן?

דאס אלעס האט מיך געמאכט קומען צו א החלטה, אז נישט יענע דריי ברענענדיגע פראבלעמען זענען די זאכן וואס פלאגט דאס אידישע פאלק, און נישט די דריי פראבלעמען וואס איך האב ערוועהנט זענען די פראבלעמען פון כלל ישראל.

עס איז דא א פראבלעם וואס הייסט "**יסוד**" אז מען געט נישט אריין אין אונזערע קינדער דעם יסוד אז "**עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט און צו אים דארף מען זיך ווענדן, און נאר ער קען העלפן, און אים דארף מען דינען**", קען מען מאכן כינוסים און קנויים, חרמות וקונמות, מיטונגען, און אפילו אויפקומען מיט לעזונגען, עס איז ווי א בנין וואס מען בויט אן קיין פודאמענט.

די זאך וואס איר דארפט לויבן דעם אייבערשטן אז איר געפינט זיך אין דעם קהילה וואס איז אונטער די פירערשאפט פונעם ראש ישיבה איז נישט אז איר האט ישיבות פאר אייערע קינדער, און אז איר דארפט נישט בארגן צו חתונה צו מאכן און אז איר האט ביליגע דירות.

איר דארפט טאנצן יעדן טאג פאר די געוואלדיגע מתנה וואס דער אייבערשטער האט אייך געגעבן אז איר זענט ביי א קהילה וואס מען בראקט אריין אמונה און נאכאמאל אמונה און נאכאמאל אייבערשטער ביז עס קריכט שוין "אריין" אין די נאז...

דאס לייזט אלע פראבלעמען, און "אז דאס איז נישט געלייזט קען מען לייזן אלע פראבלעמען אבער עס איז גארנישט געלייזט".

תם ולא נשלם.

איך שרייב מיט קנאה, א ידיד בית ברסלב.

ביטע האלטן די נאמען אנאנים.

# וואס זאל מען טון אז עס לערנט זיך נישט?

גאסט ארטיקל

צבי גליבער

חֶרְפָּתִי - נַפְתָּלִי - יִשְׂמְחוּ - לְנִשְׁבְּרֵי - בְּיַרְכְּתֵי... האט מיין טאכטער'ל צוגעענדיגט זאגן איר עברי צעטל. "זייער שיין געזאגט! יעצט קענסטו ארויפלייגן א בלומעלע סטיקער אויף די עברי מיידל", האב איך איר געזאגט. מיט גרויס חשק האט זי ארויפגעלייגט דעם סטיקער און גלייך געלאפן שפילן און דערציילן פאר יעדן אז זי האט געזאגט איר ברודער'ס נאמען, נפתלי'קע, אין איר עברי צעטל.

איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן פאר מיין גערעטענע טאכטער'ל וואס כאפט ב"ה אויף די עברי אויף אזא שיינעם פארנעם. אבער אויסער די הנאה, האט מיר איר עברי זאגן אויך געגעבן שטאף צו טראכטן.

זי זאגט אפ דעם עברי צעטל. ברוך השם אז זי כאפט אויף און זי קען גוט אלע כללים. אבער זי האט נישט קיין אנונג פון די באדייט פון די ווערטער. און די וואס האבן אהער געשטעלט דעם עברי צעטל האבן ניטאמאל געפינען פאר וויכטיג צו זען אז איין ווארט זאל קלעבן מיטן צווייטן, נאר אז אויפן זעלבן בלעטל זאלן זיך געפינען אלע כללים וואס מען האלט יעצט אינמיטן חזר'ן.

שפעטער ווען די קינדער ווערן גרעסער הויבן זיי אן צו זאגן אויך תהילים. אויך ווייטער מיט די הדגשה אז זיי זאלן גוט און פליסיג קענען די עברי, אן די מינדעסטע כוונה אז זיי זאלן עפעס פארשטיין וואס זיי זאגן דארט.

מיט די יארן, נאכדעם וואס מען קען שוין גוט די עברי פונעם דאווענען, הויבט מען אן צו לערנען אביסל די טייטש פונעם דאווענען. אבער די **דיו כתובה על נייר חדש**, דאס וואס מען האט אויסגעלערנט יונגערהייט די עברי, דאס בלייבט ווייטער. דאס דאווענען איז איין זאך, מען דארף דאן זאגן בלויז די עברי וואס שטייט אין סידור. און די טייטש איז א צווייטע זאך, דאס איז געמאכט געווארן צו קענען באקומען א גוטע צייכן אויף די טייטש פארהער.

דאס איז נישט נאר אלס קינד. ביי די גרויסע טאטעס איז די זעלבע מעשה. א איד ווייסט אז אינדערפרי דארף ער לויפן אין שוהל דאווענען שחרית, אינמיטן טאג אריינכאפן א מנחה, און ביינאכט, אויסגעמוטשעטערהייט כאפט מען א מעריב. קוים וואס מען ווייסט וואס מען זאגט. אוודאי זענען דא געהויבענע אידן וואס דאס דאווענען איז זייער חיות, זיי לעבן מיט די ווערטער וואס זיי זאגן. אבער איך רעדט פון פשוט'ע עמך אידן, זיי ווייסן אז זיי דארפן עפענען דעם סידור, אפזאגן די עברי וואס שטייט דארט, און מיט דעם איז דער אייבערשטער צופרידן מיט זיי.



ווען מען קוקט אבער אריין אין די ספרים, זעהט מען אז עס איז גארנישט אזוי פשוט. "**תפילה בלא כוונה כגוף בלא נשמה**", איז נישט סתם א ווערטל וואס איינער האט געזאגט. ווען מען טראכט אריין אין די מהות פון תפילה, וואס דאס איז און וואס דאס דארף ברענגען. זעהט מען אז אן כוונה איז דאס נישט נאר גארנישט ווערד, נאר זאגאר א חוצפה כלפי שמיא.

דער חובת הלבבות גלייכט דאס צו צו א קעניג וואס איז געקומען באזוכן זיין'ס א קנעכט, דער קנעכט האט געלאזט זיין משפחה זאל שיין אויפנעמען דעם קעניג, אבער ער אליין איז געגאנגען פארברענגען מיט חברים אינדרויסן און זיך נישט אומגעקוקט אויפן קעניג, איז דאס נישט קיין חוצפה קעגן דעם קעניג? און די זעלבע איז ווען מען לאזט דעם מויל זאגן די תפילות צום אייבערשטן, אין די צייט וואס דער מח, וואס דאס איז דער מענטש אליין, איז בכלל נישט דארט. און מיט וואספארא חוצפה זאגט מען נאך צום סוף, **יהיו לרצון אמרי פי "והגיון לבי" לפניך?** טאקע אזוי, דו ווילסט דער אייבערשטער זאל טאקע מקבל זיין דיין הגיון לב?

דער אייבערשטער האט באפוילן: '**ולעבדו בכל לבבכם' – איזו היא עבודה שהיא בלב, הוי אומר זו תפילה** (תענית ב.). דאס אינזין האבן דאס דאווענען איז נישט עפעס א זייטיגע תנאי אינעם דאווענען, נאר דאס איז דאס דאווענען אליין. דאס דאווענען דארף צו זיין אז מען זאל ארויסגעבן פארן אייבערשטן אלעס וואס ליגט אויפן הארץ, באמת וואלט מען געדארפט איבער דאווענען אויב מען האט נישט אינזין געהאט. די סיבה פארוואס מיר דאווענען נישט נאכאמאל איז בלויז ווייל מען איז בכלל נישט פארזיכערט אז די צווייטע מאל וועט יא זיין מער כוונה.

**תפילות אבות תקנום** - דאס דאווענען האבן אונזערע אבות, אברהם יצחק און יעקב, איינגעפירט. דאס דאווענען וואס זיי האבן מתקן געווען איז געווען גאר אנדערש ווי אונזערע, זיי האבן איינגעפירט אז א מענטש זאל זיך אוועק שטעלן און זיך אויסרעדן זיין הארץ צום באשעפער אלעס וואס ער דארף. ער זאל קודם **דאנקען** דעם אייבערשטן אויף די גוטע זאכן וואס ער האט, און דערנאך **בעטן** אלעס וואס ער דארף, אזא סארט דאווענען איז נישט מעגליך צו זיין אן קיין כוונה, דאס איז דאך גלייך פון הארץ ארויס צום אייבערשטן. דאס דאווענען וואס מיר זאגן, דאס האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען.

דער רמב"ם לייגט דאס אראפ זייער שיין מסודר אין זיין ספר משנה תורה אין אנפאנג הלכות תפלה:

- מצות עשה להתפלל בכל יום שנאמר ועבדתם את ה' אלהיכם מפי השמועה למדו שעבודה זו היא תפלה שנאמר ולעבדו בכל לבבכם אמרו חכמים אי זו היא עבודה שבלב זו תפלה ואין מנין התפלות מן התורה ואין משנה התפלה הזאת מן התורה ואין לתפלה זמן קבוע מן התורה.

- לפיכך נשים ועבדים חייבין בתפלה לפי שהיא מצות עשה שלא הזמן גרמא אלא חיוב מצוה זו כך הוא שיהא אדם מתחנן ומתפלל בכל יום ומגיד

שבחו של הקדוש ברוך הוא ואח"כ שואל צרכיו שהוא צריך להם בבקשה ובתחנה ואחר כך נותן שבח והודיה לה' על הטובה שהשפיע לו כל אחד לפי כחו.

- אם היה רגיל מרבה בתחנה ובקשה ואם היה ערל שפתים מדבר כפי יכלתו ובכל עת שירצה וכן מנין התפלות כל אחד כפי יכלתו יש מתפלל פעם אחת ביום ויש מתפללין פעמים הרבה והכל יהיו מתפללין נכח המקדש בכ"מ שיהיה וכן היה הדבר תמיד ממשה רבינו ועד עזרא.

- כיון שגלו ישראל בימי נבוכדנצר הרשע נתערבו בפרס ויון ושאר האומות ונולדו להם בנים בארצות הגוים ואותן הבנים נתבלבלו שפתם והיתה שפת כל אחד ואחד מעורבת מלשונות הרבה וכיון שהיה מדבר אינו יכול לדבר כל צורכו בלשון אחת אלא בשיבוש שנאמר ובניהם חצי מדבר אשדודית וגו' ואינם מכירים לדבר יהודית וכלשון עם ועם ומפני זה כשהיה אחד מהן מתפלל תקצר לשונו לשאול חפציו או להגיד שבח הקדוש ברוך הוא בלשון הקדש עד שיערבו עמה לשונות אחרות

- וכיון שראה עזרא ובית דינו כך, עמדו ותקנו להם שמנה עשרה ברכות על הסדר שלש ראשונות שבח לה' ושלש אחרונות הודיה ואמצעיות יש בהן שאלת כל הדברים שהן כמו אבות לכל חפצי איש ואיש ולצרכי הציבור כולן כדי שיהיו ערוכות בפי הכל וילמדו אותן ותהיה תפלת אלו העלגים תפלה שלימה כתפלת בעלי הלשון הצחה ומפני ענין זה תקנו כל הברכות והתפלות מסודרות בפי כל ישראל כדי שיהא ענין כל ברכה ערוך בפי העלג.

דאס איז געווען א גוואלדיגע זאך וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן געטון. זיי האבן געראטעוועט דאס דאווענען דורך דעם וואס זיי האבן איינגעפירט א נוסח התפלה וואס יעדער דארף זאגן אייניג. אבער לאמיר מחשב זיין **שכר כנגד ההפסד**, איז דאס נישט געווען דער מכה בפטיש וואס האט געמאכט אז א גרויס חלק פון כלל ישראל זאל נישט אינזין האבן רוב פונעם דאווענען?

איך בין זיכער אז אין יענע צייט האבן זיך געפינען אסאך ערליכע אידן וואס האבן קאטעגאריש אפגעווארפן די געדאנק וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן געוואלט איינפירן. ס'טייטש? - האבן זיי געטענה'ט, און מיט רעכט - **קלקלתו מרובה מתקנתו**, איר ווילט איינפירן אז יעדער זאל זאגן דריי מאל א טאג די זעלבע נוסח? דאס איז דאך די סתימת הגולל פון דאווענען. דאס וועט מאכן אז דאס דאווענען זאל ווערן **כמצות אנשים מלומדה**. דאס איז זיכער אז רוב מענטשן וועלן נישט קענען טאג איין טאג אויס זאגן די זעלבע נוסח און עס נאך אינזין האבן מיט די זעלבע כוונת הלב וואס מען האט ווען מען דאווענט אזוי ווי ביז יעצט.

דו ווילסט זיך אננעמען פאר די פראצענט מענטשן וואס קענען נישט דאווענען געהעריג, און צוליב דעם גייסטו אוועק הרג'ענען דאס גאנצע קאנצעפט וואס דאווענען דארף זיין?! העכסטנ'ס קענסטו איינפירן אז די שוואכערע חברה וואס קענען נישט דאווענען געהעריג זיי זאלן כאטש אפזאגן דער נייער נוסח און שוין. כאטש איך ווייס נישט אויף וויפיל דאס איז ווערד, איז עס דאך אבער בעסער ווי גארנישט. אבער דאס צו מאכן פאר אן איינגעפירטע נארמע, אז דאס מיינט

דאווענען, **הזאת נעמי?**

די חולקים האבן טאקע געהאט גערעכטע טענות, אבער דאס האט נישט צוריקגעהאלטן די אנשי כנסת הגדולה פון איינפירן דאס דאווענען וואס מיר האבן היינט, ווייל זיי האבן געקוקט מיט א ווייטערן בליק, נאך אביסל ווייטער פון זייערע קעגנער'ס. טאקע רוב מאל וועט דאס דאווענען זיין פון א שוואכערע קאליבער ווי עס וואלט געדארפט זיין, אבער אפילו עס וועט גארנישט ווערד זיין, וועט דאס אבער האלטן אידן ביי אידישקייט.

אויב וועט מען ווייטער אזוי דאווענען ווי די אבות האבן מתקן געווען, וועט דאס דאווענען אינגאנצן בטל ווערן, אדער העכסטנס וועט עס בלייבן בלויז ביי יחידי סגולה, אויב וויל מען אז גאנץ כלל ישראל זאל דאווענען, דארף מען מאכן א סדר וואס יעדער זאל אפזאגן יעדן טאג טויט צי רויט, אזוי ווי עס איז, און דערנאך וועלן שוין זיין גוטע אידן וואס וועלן מעורר זיין אז דאס דאווענען דארף זיין מיט מער כוונה, איין טאג וועט מען כאפן אן התעוררות און דאן וועט מען מער אינזין האבן, און אוודאי וועט אייביג זיין דער העכערער עלעמענט וואס זיי וועלן שטענדיג אינזין האבן דאס דאווענען.

און ווי עס שטעלט זיך ארויס, זענען זיי געווען טויזנט פראצענט גערעכט. נאר דורך דעם וואס זיי האבן איינגעפירט א נוסח צו זאגן, איז געבליבן דאס דאווענען ביי אידן. דאס וואס א איד ווייסט אז ער מוז אריין גיין דריי מאל א טאג אין שוהל און אפזאגן דעם נוסח וואס שטייט אין סידור, **דאס האלט אים ביי אידישקייט.**

אויף צו זיין מער איבערצייגט דערין, קען מען זיך אריבערכאפן צו א צווייטע יסוד אין אידישקייט, וואס דאס איז **לימוד התורה.**

דאס לערנען תורה איז נאך היינט אויך געבליבן אויף דעם שטאפל וואס תפלה איז געווען בעפאר די אנשי כנסת הגדולה. יעדער ווייסט אז לערנען מיינט צו פארשטיין וואס מען לערנט און קונה זיין **ידיעות התורה.** און דאס קומט נישט אן אזוי גרינג, אזוי ווי די באקאנטע רש"י וואס זאגט **"אם בחקתי תלכו - שתהיו עמלים בתורה"**, אויף תורה דארף מען זיך פלאגן און מען דארף פארשטיין וואס מען לערנט.

יעצט לאמיר זיך אויפוועקן פאר א מינוט צו די רעאליסטישע וועלט און זען ווער און וויפיל תורה עס ווערט געלערנט היינט צו טאגס. איך רעד נישט פון די העכערע עלעמענט, די סארט וואס וואלטן געבליבן מיט'ן דאווענען אפילו אן די תקנת אנשי כנסת הגדולה, זיי לערנען יעצט אויך זייער פלייסיג, זיי פארשטייען וואס זיי לערנען, זיי פארהערן זיך און וואקסן אויף די רבנים דיינים און תורה אידן פון אונזער דור.

איך וויל אבער רעדן פון מיר און דיר, אונז פשוט'ע עמך אידן. מיר זענען עפעס אזוי כלאחר יד געווארן אויסגעשלאסן פון לימוד התורה. פרעג איך איינעם פארוואס ער לערנט נישט, זאגט ער מיר אז ער האט נישט געקענט



טרעפן קיין חברותא, און ער געדענקט נישט אז ער האט מיר געענטפערט דעם זעלבן תירוץ מיט דריי יאר צוריק. און אפילו די וואס האבן יא חברותות, זיי לערנען פלייסיג יעדע נאכט, אבער ווען מען טראכט אביסל אריין זעט מען אז דאס איז ווייט נישט געלערנט פון וואס לימוד התורה מיינט. וואס איז מיט פרייטאג און שבת? דאן האט מען דאך נישט קיין חברותא. נו, עס איז נאר צוויי טעג, אבער צוויי טאג א וואך מיינט הונדערט טאג א יאר, וואס דאס איז א דריטל פונעם יאר. און ווען מען רעכנט צו אלע ימים טובים און יומי דפגרא׳ס, איז דאס בערך א האלב יאר וואס מען לערנט נישט.

און וואס טוט זיך ווען מען האט א שמחה/ דער חברותא האט א שמחה/ זונטאג ווען מען גייט שאפינג/ מען שפירט נישט גוט/ מען דארף גיין צו א מיטונג/ דער רבי מאכט חתונה, און נאך צענדליגע אנדערע סיבות פארוואס מען זאל נישט אנקומען צו זיצן די שעה מיט די חברותא?

און וואס טוט זיך ווען מען זיצט שוין יא מיט די חברותא ביי איין טיש, לערנט מען דען יעדן טאג? קודם דארף מען דורכשמועסן די לעצטיגע נייעס און לשון הרע׳ס, נאכדעם דארף מען זיך שיקן איינער דעם צווייטן די געלונגענע טעקסט מעסידזשעס פון יענעם טאג, די גוטע קליפס וואס זענען היינט ארום געפארן אויף וואטסעפפ, וואס - אגב - האבןביידע שוין סייווי באקומען די זעלבע, דערנאך דארף מען א טיי אדער קאווע צו קענען לערנען מיט א רוהיג׳ן קאפ. און דאס איבריגע לאז איך איבער פאר אייער אייגענע עקספיריענס.



מיט׳ן מאכן אן אמת׳ן חשבון, טאקע ביי זיך און נישט ביי יענעם, זעהט מען אז מען לערנט ווייט נישט וואס מען וואלט געדארפט לערנען. און אויב זאל ווען בלייבן דאס דאווענען אזוי ווי ארגינעל, און אזוי ווי א דאווענען וואלט באמת געדארפט אויסזען, אז ווען מען האט צייט גייט מען אליין אין א זייט און מען רעדט זיך אויס צום אייבערשטן אלעס וואס דרוקט, דאן וואלט עס פונקט אזוי אויסגעזעהן, פונעם גאנצן יאר וואלט געבליבן בלויז עטליכע טעג וואס מען וואלט געדאווענט. זעהט מען מען די ווייטגרייכנדן בליק פון אונזערע גרויסע אנשי כנסת הגדולה וואס האבן געראטעוועט דאס דאווענען.

ווען א איד וויל באמת זוכה זיין לכתרה של תורה, וואלט ער זיך אויך געדארפט איינפירן צו דאווענען תורה אזוי ווי די אנשי כנסת הגדולה האבן איינגעפירט צו דאווענען תפלה, ווען א מענטש זאל זיך מאכן א חוק קבוע אז **יעדן טאג מוז ער עפענען א גמרא און אפזאגן א דף, ער מוז עפענען א משניות און אפזאגן א פרק,** און די זעלבע ביי אנדערע לימודים. און טאקע יעדן טאג זאל זיין וואס זאל זיין, פונקט ווי ביים דאווענען, **דאן וואלט דער מענטש אויפגעוואקסן א תלמוד חכם מופלג.**

איינמאל ער האט זיך צוגעבינדען צו די תורה, ער מוז יעדן טאג עפענען א ספר און זאגן די ווערטער, דאן וועט ער א גרויס חלק דערפון פארשטיין מיט׳ן זאגן, און ווען ער וועט זיין אין די גוסטע וועט ער יא אינזין האבן וואס ער זאגט און פארשטיין וואס

ער לערנט, ווען ער וועט זען אן אינטערעסאנטע שטיקל וועט דאס אים ציען ארייננצובליקן אין רש"י/תוספות/ברטנורא. אבער אויב איז נישט אפגעמאכט ביי אים אז ער מוז דעם ספר עפענען יעדן טאג, וועט ער ניטאמאל וויסן וואס ער פארפאסט.

אין ספר החינוך איז ער מסביר די מצוה אז מען טאר נישט צוברעכן א ביין פון קרבן פסח. האט ער דארט א לענגערע הסבר אז **"אדם נפעל כפי פעולותיו"**, א מענטש ווערט אויסגעפארעמט לויט מיט וואס ער איז פארנומען, אויב א מענטש, אפילו א רשע גמור, וועט זיין פארנומען צו טוהן מצות, אפילו ער טוט עס שלא לשם שמים און אין זיין הארץ איז ער א גרויסער רשע, אבער ער איז עוסק א גאנצן טאג צו טון מצות, וועט ער מיט זיינע מעשים הרג'ענען זיין יצר הרע און ווערן א גרויסער צדיק. ווידער א צדיק גמור, זיין הארץ איז גאנץ מיט'ן אייבערשטן אויף הונדערט פראצענט, אויב אבער וועט ער עוסק זיין אין טון שלעכטס, אפילו באונס, ווי למשל אז דער קעניג צווינגט אים דאס צו טון, וועלן זיינע מעשים וואס ער טוט אים איבערדרייען און צום סוף וועט ער ווערן א שלעכטער מענטש.

און ער פירט אויס אז דעריבער זאל זיך א מענטש נישט איינרעדן אז דער עיקר איז צו זיין א איד אין הארץ, און עס איז נישט קיין חילוק ווי אזוי מען פירט זיך אינדרויסן. נאר מען זאל געדענקען אז סוף כל סוף וועלן די מעשים וואס דער מענטש טוט אים בייגן צו גוטס אדער צו שלעכטס, אפגעזען צו וואס זיין הארץ איז פון פריער געווען גענייגט.

און מיט דעם איז ער מסביר די משנה, **רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הירבה להם תורה ומצות**, דער אייבערשטער האט געגעבן פארן איד אסאך תורה ומצות אז דער גוף זאל זיין מיט דעם פארנומען א גאנצן טאג, און דאס וועט שוין איבערדרייען אז די הארץ זאל אויך ווערן גוט. און דאס איז אויך וואס די גמרא זאגט: **"כל מי שיש לו מזוזה בפתחו וציצית בבגדו ותפילין בראשו, מובטח לו שלא יחטא"**, ווייל דאס זענען מצות וואס דער מענטש האט א גאצן טאג, און דאס וועט איבערדרייען זיין הארץ צום גוטן, אז ער זאל מער נישט זינדיגן. עס כדאי נאכצוקוקן זיין געוואלדיגע לשון פון אינעווייניג.

דאס האבן די אנשי כנסת הגדולה אויפגעטון מיט'ן מאכן דאס דאווענען פאר א טרוקענעם נוסח, כאטש דאס איז גאר ווייט פון די אמת'ע מכוון פון דאווענען. אבער מיט דעם וואס א איד דארף זיין יעדן טאג פארנומען מיטן דאווענען וועט דאס אים שוין ברענגען אז ער זאל דאווענען געהעריג אויך.

און דאס איז וואס מיר דארפן זיך איינפירן אויך ביים לערנען. מען דארף ביי זיך אפמאכן אז יעדן טאג גייט מען עפענען א ספר און זיך רוקן מיט נאך א דף, מיט נאך א קאפיטל, מיט נאך א פרק, און מיט נאך א סימן. אויב מיר וועלן דאס טון, עס וועט טאקע אויסזעהן מאדנע/ קינדעריש/ נאריש. דאס הייסט געלערנט? דאס מיינט תורה? דאס האט דער אייבערשטער פארלאנגט מיט'ן **שתהיו עמלים בתורה?** אבער ווען מען וועט מאכן דעם סוף חשבון וועט מען זען אז נאר אזוי קען א איד זיין צוגעבינדן צו די תורה, און נאר אזוי קען א איד זוכה זיין לכתרה של תורה.

**טעמו וראו כי טוב ה',**
**טעמה כי טוב סחרה**

### די היסטאריע פון

# קרית ברסלב

### חלק א'



תלמוד תורה אין שטעטל ווינטער תש"פ

מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א פארציילט

דעם פארגאנגענעם פסח איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעקומען צו מיר, און געזאגט: "דו וואוינסט דאך שוין אין שטעטל באלד דריי יאר, אפשר מאכסטו א באשרייבונג פונעם שטעטל, אינעם "קרית ברסלב בלעטל" וואס גייט ערשיינען לכבוד יום טוב שבועות".

באלד נאך פסח האב איך אריינגעטראכט ווי אזוי קען איך מאכן דעם באשרייבונג אז עס זאל זיין צו די זאך, דאס ערשטע געדאנק איז מיר ארויפגעקומען אז איך וועל מאכן די באשרייבונג ווי אן אינטערוויו מיט די רעדאקציע פונעם בלעטל, עס וועט גיין אויף א וועג פון פראגעס און ענטפערס.

איך האב טאקע אנגעהויבן מיט דעם וועג און איך האב מיך אראפגעזעצט מיט ר' אברהם הערש וועבערמאן נרו יאיר דער רעדאקטאר פונעם "קרית ברסלב בלעטל". נאכן זיצן א שטיק צייט צוזאמען איז ארויס געקומען זייער שיינע זאכן, אבער איך האב אינאכט גענומען אז עס איז עפעס נישט... ווייל ווי נישט ווי זענען מיר ביידע תושבים אין שטעטל, און ס'איז א שווערע זאך אז איינער וואס איז אינעווייניג זאל מיך שטעלן פאר א פארהער... וואס קען מען שוין פרעגן? וויפיל בתי מדרשים זענען שוין היינט דא אין שטעטל? איז שוין דא א תלמיד תורה אין שטעטל? בקיצור מיר האבן זיך פארהאנקערט ביי יעדע צווייטע שאלה.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר חונן דעת זיין וואס צו טון, ביז דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט א געדאנק; ווי זאגט די וועלט: ווען מען דארף דעם גנב נעמט מען אים אראפ פון די תליה... איך האב מיך

פראבירט צו דערמאנען ווער פון מיינע אלטע חברים פלעגן מיך האלטן אין איין פרעגן טויזענט שאלות וועגן דעם שטעטל, ווען איך האב נישט געהאט קיין נערוועז צו ענטפערן... איך האב מיך דערמאנט פון אזא סארט חבר, איך האב גלייך געטון צו די זאך, איך קלינג אן מיין חבר ר' שמעון נרו יאיר, איך דערצייל אים מיין פראבלעם, זאגט ער מיר: "אדרבה ואדרבה, איך זוך דאך שוין אזוי לאנג צו וויסן וואס עס טוט זיך דארט ביי ענק אין שטעטל".

ער האט נאך געטראפן א משל צו דעם, די מעשה פונעם בעל התל ובעל החריץ, וואס חז"ל דערציילן ביי די מעשה פון פורים, ווען דער קעניג אחשוורוש האט צוריקגעוויזן די צען טויזענט זילבערנע שטיקער פאר המן הרשע, באמת האבן ביידע געוואלט פטור ווערן פון כלל ישראל, און חז"ל געבן א משל: ס'איז געווען צוויי מענטשן, איינער האט געהאט א גרוב אין זיין פעלד, און ער האט געזוכט צו קויפן א גרויסע קוואנטום פון זאמד כדי צוצודעקן דעם גרוב, איין שיינעם טאג באגעגנט ער זיין חבר, דער חבר רעדט זיך אויס צו אים אז ער האט א גרויסע בארג זאמד אין זיין פעלד ער ווייסט נישט ווי אזוי פטור צו ווערן דערפון... אזוי זענען ביידע געהאלפן געווארן אויף איינמאל.

בקיצור, דער קעניג אחשוורוש האט נישט געדארפט די עשרת אלפים ככר פון המן, נאר ער האט זיך פשוט געפריידט אז איינער גייט שוין קעיר נעמען פון די אידן פראגע; זאגט מיר מיין חבר: "איך בין דאך נייגעריג צו וויסן וואס איז נייעס אין שטעטל, און דו ווילסט אז איך זאל פרעגן שאלות, נו איז דאך גוט!"

מיר זענען אריין אין א שיינעם שמועס און איך זאג אים: "שוין! יעצט קענסטו פרעגן אלע דיינע שאלות וועגן דעם שטעטל, אזוי וועסטו האבן א חלק אין א שיינעם ארטיקל לכבוד שבועות אינעם בלעטל".

איז לאמיר נישט צו לאנג אויפהאלטן די ליינער נאר גלייך צוטרעטן צום שמועס.

**שמעון:** געדענקסט אפשר די שאלה וואס איך האב דיר געפרעגט דאס ערשטע מאל איך בין אריבערגעפארן דיין הויז, דו האסט געהאלטן דעמאלטס אינמיטן שניידן די גראז... האסט געדארפט אפשטעלן דעם מאשין ווייל דו האסט נישט געקענט הערן וואס איך פרעג.

**אברהם משה:** ווי קען איך פארגעסן די שאלה, איך האב דאך געהאט יעדן טאג אויב נישט אפאר מאל

**איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר חונן דעת זיין וואס צו טון, ביז דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט א געדאנק**




מען בויעט די ערשטע עירוב ארום מיין דירה




קביעת מזוזה אין מיין דירה, זע דעם דאטום אויף די רעכטע זייט פונעם בילד



מען פאקט אויס די ספרים אין די שטעטל דירה

א טאג, וואס נייגעריגע מענטשן זענען אריבער געפארן מיין הויז, קענסט דעם ניגון פון יום טוב ערליך: עס פלעגן פיל שאטענס קומען צו גיין, שטיין און נישט קענען פארשטיין... אלע מיט די זעלבע פראגע: **וואו איז די שטעטל...!**

איך האף ביזט נישט ברוגז אויף מיר אויף די וועג ווי אזוי איך האב דיר דעמאלטס (נישט...) געענטפערט.

**שמעון:** ניין דווקא נישט.

**אברהם משה:** אז איך וועל דיר היינט ענטפערן וועסטו פארשטיין פארוואס איך האב מיך דעמאלט ארויסגעדרייט.

איך וועל אנהייבן פון אנהייב פון ווען איך האב מיך ארויסגעצויגן.

עס איז געווען דאנערשטאג בהעלותך י"ז סיון תשע"ט, איך האב מיך געפאקט פעק און זיך געזעגנט פון מיין באליבטע וויליאמסבורג, צו א נייע שטאט קרית ברסלב ליבערטי ניו יארק.




ערשטע טאג חדר אין מיין דירה מיט דריי קינדער

**שמעון:** ממש **לך לך מארצך, ממולדתך, ומבית אביך**, דארט ביסטו געבוירן, האסט דארט געוואוינט אלע דיינע יארן אונטער דיין מאמע'ס פארטוך... בעסער גזאגט ביים טאטע'ן אין וויינגארטן... אויב איך מאך נישט קיין טעות האסטו געוואוינט אינעם זעלבן בנין וואו דיין טאטע וואוינט, אין הארץ פון שטאט ביי לי קארנער הופער.

**אברהם משה:** יא יא! **אל הארץ אשר אראך...** מ'קען עס זאגן אין פולן

**עס איז געווען דאנערשטאג בהעלותך י"ז סיון תשע"ט, איך האב מיך געפאקט פעק און איך האב מיך ארויסגעצויגן פון מיין באליבטע וויליאמסבורג, צו א נייע שטאט קרית ברסלב ליבערטי ניו יארק.**

זין פון ווארט, ווען איך האב מיך ארויסגעצויגן איז עס געווען אזוי ווי אברהם אבינו איז געגאנגען, איך האב נאכנישט געוויסט וואס וואו ווען.

**שמעון:** איז לאמיר צוריקגיין צום שאלה וואס איך האב דעמאלט געפרעגט, דו זאגסט דאך אז יעדער פארבייגייער האט געפרעגט די זעלבע שאלה: **וואו איז די שטעטל?**

**אברהם משה:** איך וועל דיך אויסבעסערן דיין שאלה, עס איז נישט געווען קיין פארבייגייער, קיינער איז נישט **פערצופאל** פארביי געגאנגען די האשקי גאס אינעם ווייטן ליבערטי... ווער עס איז דא אנגעקומען איז געווען נאכ'ן בלאנדזשן, זוכן, און צומאל בלייבן געשטראנדעט ביי די פארשפארטע בריק אויף ביג וואד ראוד... דא איז אנגעקומען נאר איינער וואס האט געוואלט האבן ערשט האנטיגע אינפארמאציע איבער'ן פלאץ וואו די ברסלב'ע בויען זייער שטעטל.

איך וועל דיר צולייגן די זאך, אז דו זאלסט פארשטיין וואס דא טוט זיך, פארוואס יעדער וואס קומט דא אן פרעגט די זעלבע שאלה **"וואו איז די שטעטל?"**

סתם אזוי ווען די משל'סט דיך אויס א שטעטל איז עס בערך אזוי: א רינג פון הייזער ווי דארט וואוינען אלע משפחות פון דעם שטעטל, די פאר גאסן פון דא ביז דא זענען קאנצענטרירט אלע איינוואוינער פונעם שטעטל, אבער דא ווען א איד איז געקומען זען - די נפלאות הבורא - דער ברסלב'ער שטעטל האט ער גארנישט געזען חוץ גראז, בלעטער, הימל, ביימער, דא זעהט ער א הויז, אביסל ארויף זעט ער נאך א הויז, פלוצלונג זעט ער א היימיש פנים, איז אטאמאטיש זיין ערשטע פראגע: אנטשולדיגט! **וואו איז די ברסלב'ע שטעטל?**

די שטעטל איז זייער צושפרייט און די קענסט נישט אנצייגן דארט און דארט געפינט זיך דער שטעטל, און דאס איז טאקע די סיבה פארוואס איך האב מיך ארויסגעדרייט פון ענטפערן, וואס האב איך געזאלט ענטפערן? איר געפינט זיך דאך אייגענטליך אינעם הארץ פונעם ברסלב'ער שטעטל!

עס דערמאנט מיך א מעשה. נישט צו לאנג איידער איך האב מיך אוועקגעצויגן פון שטאט, בין איך געשטאנען איין נאכט און געשמועסט אויף לי קארנער ראדני, די אומגעגענט פון וויליאמסבורג איז שוין דעמאלט געווען אנגעפילט מיט אומגעווינטשענע עלעמענטן, אינמיטן מיין שמועס שטעלט זיך אפ א גוי מיט זיין בייק און פרעגט מיר אין ענגליש:

Excuse me, do you know how I get from here to Williamsburg

אין אידיש איבערזעצונג: אנטשולדיגט איר ווייסט אפשר וואו איך קען פון דא אנקומען קיין וויליאמסבורג.

איך קוק אים אן... נאכאמאל? וואס איז דיין שאלה? ווי אזוי דו קומסט אן פון דא קיין וויליאמסבורג? **המקום אשר אתה עומד עליה אדמת קודש היא...** דו שטייסט דאך יעצט אינעם ירושלים ד'אמעריקע... ער האט - ווייזט אויס - געזוכט עפעס א אנדערע וויליאמסבורג, נישט דעם וויליאמסבורג וואס מיר קענען.

**שמעון:** גוט ארויסגעברענגט! די שטעטל איז נישט אויף איין פלאץ, עס איז צושפרייט איבער א




די ערשטע תושבים ביים קומען באקוקן דעם שטעטל חול המועד פסח תשע"ט

סאך גאסן, נו פארוואס טאקע איז עס אזוי, וואס איז פשט אז מען האט געבויעט דעם שטעטל אזוי צושפרייט, נישט ווי אנדערע נייע געגענטער וואס אלע וואוינען אין די זעלבע פאר גאסן?

**אברהם משה:** לכתחילה ווען מען האט אנגעהויבן פלאנירן די שטעטל, איז עס יא געגאנגען אין יענעם דירעקציע, מיר אליין האבן אויך נישט געקענט טראכטן אז א געגנט קען פונקציאנירן ווען דער נאנסטער שכן דיינער וואוינט א קנאפע דריי גאסן אוועק פון דיר... אמער, וואס זאל די אידענע טון ווען זי האלט אינמיטן באקן פיינע חלות לכבוד שבת, און זי דערזעהט זיך אן קיין אייער, נו, דארף זי יעצט נעמען א לאנג דיסטענס קאר סערוויס טריפ צום נאנסטן שכן... איך מיין די וועלט קען דאך אזוי נישט האבן קיין קיום...

אלזא ווען מיר האבן אנגעהויבן, האבן מיר טאקע געקויפט אפאר שטחים איינס נעבן צווייטן, בעיקר האבן מיר גערעכנט דעם אנהייב פון שטעטל אויף די שטח וואס ר׳ שבתי מזרחי נרו יאיר האט געקויפט 181 האשקי ראוד, היינט איז דארט די דירה פונעם ראש ישיבה און איז דערוויל דער צענטראלער בית המדרש פונעם שטעטל, דער לאט האט ער געקויפן נאכ׳ן אדורכגיין מיט׳ן ראש ישיבה וועלכע לאט עס וועט זיין גוט צו קויפן אנצוהייבן דעם שטעטל, בעצם איז עס א ריזיגע שטח פון בערך זעכציג אקער, אויף א חלק פון דעם שטח האט געזאלט געבויעט ווערן די ערשטע אכצן דירות.

די פלאן איז צושטאנד געקומען ארום פסח צייט תשע״ז, נאכדעם וואס א פריערדיגע פלאן - וואס מיר האבן אנגעהויבן אזוי פרי ווי אינמיטן ווינטער תשע״ו - איז דורכגעפאלן.

**שמעון:** וואס איז געווען יענע פלאן, און פארוואס איז עס למעשה דורכגעפאלן?

**אברהם משה:** אויף דעם פארלאנגט זיך א אריכות, עס איז נישט יעצט די צייט אריינצוגיין אין דעם ענין, מיר וועלן נישט פערטיגן, איך האף צו מאכן אם ירצה השם א באזונדערע באשרייבונג - אין א צווייטע געלעגנהייט - פון די השתלשלות פונעם שטעטל.

איז נחזור לענינינו, די קומענדיגע האלבע יאר פון פסח תשע״ז זענען מיר געזעצן מיט אדוואקאטן, אינדזשעניר׳ן, סורוועיער״ס, און אויסגעשטעלט א פונקטליכע מאפע פון די ערשטע הייזער, מען האט אויסגעארבעט אלע דעטאלן, אנגעהויבן פון ציען די וואסער, די אפלויף סיסטעם (סוע״ר), עלעקטעריק, די וועגן אריין, שבתי מזרחי איז געזיצן מיט די ארבעטערס אויסצוארבעטן אלע פלענער אז אלעס זאל זיין גרייט, מען זאל זיך קענען נעמען צו די עבודה איינמאל זאכן פאלן אין פלאץ.

אויף האט מען אויסגעשטעלט בלו פרינט״ס פאר די




די פלאן פון אכצן דירות אויף 181 האשקי ראוד

סטראקטשור"ס פון די הייזער זעלבסט, מען האט געמאכט צוויי סארט אויסשטעלן אז די קונים זאלן קענען אויסוועלן אן אויסשטעל לויט זייער געשמאק, דערנאך האט מען געמאכט א שטר ביי א בית דין וואס מען האט צוגעגרייט פאר די וואס ווילן קויפן דירות.

ברוך השם אלעס איז געגאנגען מער וויניגער על מי מנוחות, איין זאך האט נאר געפעלט, מיר האבן געדארפט האבן אן אפראוועל פון די באאמטע, מען האט אריינגעגעבן א פארלאנג צום טאון באורד צו סובדעווייד"ן (צעטיילן) דעם שטח, עס איז געגאנגען אהין און צוריק אפאר חדשים, למעשה יעדע אזא גרעסערע טויש דארף אריבער גיין א רעפערענדע"ם, דאס הייסט די טאון באורד שיקט אפ בריוון צו אלע תושבים פונעם געגענט אז עס גייט פארקומען א פאבליק הירינג דעם און דעם טאג, ווי מען גייט דיסקוסירן פלענער אויף פארשידענע טוישונגען אינעם זאוניג, און אלע קענען קומען געבן זייער אפשטימונג.

ביז דעמאלט איז אלעס געווען שטיל, אבער איינמאל די בריוון זענען אנגעקומען צו די שכנים, האבן זיי באלד פארשטאנען אז דא גייט זיך בויען א נייע געגענט, די שכנים האבן זיך צאמגענומען און זענען געקומען צו די הירינג, זיי האבן געהאט אנגעגרייט א לאנגע מגילה מיט אלע פראבלעמען וואס זיי האלטן אז עס קען ארויסקומען פון דעם, און זיי האבן איבערגעצייגט די טאון באורד אז מען זאל נישט נאכגעבן די פארלאנג פאר א סובדעוויזש"ן.

אלול תשע"ז איז ארויסגעגעבן געווארן די ענדגילטיגע באשלוס פונעם טאון באורד, אז זיי קענען נישט נאכגעבן אונזער פארלאנג. דעמאלט איז די פלאן פון אנהייבן בויען דעם שטעטל אויף די שטח פון 181 האשקי אראפ פון טיש און עס איז געווארן אויס אויף דערווייל.

**שמעון:** איך שטעל מיך פאר אז עס איז געווען א געוואלדיגע עגמת נפש, נאכדעם וואס מען האט שוין געהאט אריינגעלייגט אזויפיל כוחות און געלט, און דא האט מען באקומען אזא שטארקע קלאפ אז די טאון האט באשלאסן אז מען קען נישט סובדעווייד"ן.

**אברהם משה:** יא, דעמאלט האט אויסגעזען ווי די גאנצע זאך איז דערנאך,



עורך פונעם בלעטל ביים אינטערוויו מיט ר' אברהם משה נ"י



ביים חתמ'נען דעם ערשטן קאנטראקט צו בויען א דירה אין שטעטל




ערשטע טראקטאר קומט אן אוועקצונעמען די ביימער

שבתי מזרחי האט געהאט דאס מערסטע אינוועסטירט סיי אפצוקויפן שטחים און סיי אין די אינדזשענירונ"ג און פלעננונג"ס, ער איז דעמאלט אריין צום ראש ישיבה אז עס זעט נישט אויס ווי מ'וועט קענען עפעס טון דא ווייטער, ער האט געוואלט פארקויפן די אלע שטחים וואס ער האט געקויפט. למעשה האט אבער דער ראש ישיבה אים זייער מחזק געווען אז ער זאל נישט אויפגעבן נאר ווייטער גיין מיט די שטעטל, און דער אייבערשטער וועט העלפן אויף א אנדערע וועג.

**שמעון:** עס איז א זאך וואס מען דארף נעמען אין באטראכט ביים בויען א נייע געגענט, אלע נייע געגענטער פלאגן זיך, מען האט צו טון מיט די שכנים, איך געדענק טאקע ווען איך בין דארט געווען פאר דריי יאר צוריק איז געווען ארויסגעלייגט אינדרויסן פון אלע הייזער אזאנע סיינס "נישט צום פארקויפן".

**אברהם משה:** דער אמת איז מ'קען נישט זאגן אז מיר האבן געהאט צו טון מיט די שכנים, אויב עפעס האבן זיי געהאט א פראבלעם מיט אונז, מיר האבן נישט געהאט צו טון מיט זיי... איינע פון די שכנים האט אונז לעצטענס דערציילט, אז זיי האבן דעמאלט צאמגענומען געלט פון אלע תושבים, יעדער האט ביישטייערט פינף הונדערט דאלער פאר אדוואקאטן כדי אונז אפצושלאגן, זעט אויס אז זיי האבן זיך געראכטן אויף א שטארקע אפענסיווע, אבער עס איז קיינמאל נישט געקומען דערצו, מיר האבן קיינמאל נישט געשטעלט קיין ווידערשטאנד, אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז, מיר זענען געגאנגען ווייטער אונזער וועג, אן זיך דארפן צואמפערן מיט זיי, ווייל מיר ווענדן זיך נאר צום אייבערשטן

ראש ישיבה שליט"א באטראכט פונדערנאנט די ערשטע דירה וואס מען האט געבויעט ביי 149 האשקי - זומער תשע"ט



ביי יעדע פראבלעם.

וואס עס איז יא אינטרעסאנט צו באמערקן איז, אז אלעמאל וואס מ'האט אונז געוואלט שטערן, מ'האט אונז פראבירט אונטער צו שטעלן פיסלעך, האט זיך אלעמאל ארויסגעשטעלט אז דווקא דאס האט אונז אויפגעבויעט.

דא אליין קענסטו דאך זען, למשל אויב וואלטן מיר געגאנגען מיט די ערשטע פלאן און מען וואלט באקומען די אפראוועל פון די באאמטע צו סאבדעווייד'ן די לאט, מיר וואלטן זיך אריינגעצויגן אין די פאר גאסן, וואלטן מיר זיך קיינמאל נישט אזוי אויסגעשפרייט, מיר וואלטן געבליבן אין די פאר אקער, מיר וואלטן נישט גע'חלומ'ט אין וויסטן חלום אז א שטעטל קען זיך אויסארבעטן ווען עס איז אזוי צושפרייט.

**שמעון:** און וואס איז אזוי שלעכט אז די שטעטל וואלט געבליבן קאנצענטרירט אין א קליינע שטח?

**אברהם משה:** איך האב הנאה די לאזט זיך נישט... פאר דעם האב איך דיך גענומען די זאלסט מיך אינטערוויוען...קוק אהער, עס איז דא זייער אסאך מעלות וואס מיר וואלטן קיינמאל נישט געהאט אין א קליין שטעטל, קודם כל אז דו ביזט אויף א גרויסע שטח האסטו א גרעסערע אויסוואל פון דירות און שטחים וואס דו קענסט קויפן, צווייטענס אויב די ביסט אזוי צושפרייט, ווערט שטארק פארמינערט די פראבלעם אז אינוועסטערס וועלן קומען קויפן כדי צו אינוועסטירן, און מיט דעם ארויפשרויפן די פרייזן, וואס די פראבלעם מאכט זיך ביי אנדערע נייע געגענטער.

דאס זעלבע איז אויך לגבי די שכנים, זיי קענען נישט בעטן פאר זייערע הייזער העכער פונעם מארקעט פרייז, ווייל זיי זעען אז מיר זענען נישט קאנצענטרירט אין די פאר אקער, און מיר זענען נישט געצווינגען צו קויפן דווקא אין א געוויסט געגנט.

דאס מאכט אויך אז מיר זאלן זיך נישט צוקראצן ווען עס וואוינט א גוי דא א גוי דארט, אדער איינער זיצט פאר'עקשנ'ט און ער וויל נישט פארקויפן. למשל דעם ווינטער איז געווען א גוי וואס האט פארקויפט זיין הויז, ער האט עס פארקויפט פאר א צווייטע גוי, עס האט אונז ברוך השם נישט געגעבן קיין קראץ, מיר האבן נישט געשפירט ווי איינער נעמט עפעס אוועק פון אונז, דו קענסט אונז נישט אויסקויפן, מיר זענען נישט סטאנציאנירט אויף איין פלאץ.



די הנהלה ביים איבערשמועסן מיט'ן ראש ישיבה די דעטאלן פונעם שטעטל - ווינטער תש"פ



**דער ראש ישיבה ביי איינע פון די באזוכן אין די אפיסעס פון ״פעסט בילד״ וואו מען איז איבערגעגאנגען וויכטיגע פרטים פון שטעטל - ווינטער תש״פ**

הער א זיסע מעשה, עס איז געווען אויף איינע פון די שטחים א אלטע פארעם וואס איז געשטאנען צום פארקויפן, דער בעל הבית האט געוואלט דערפאר א טייערע פרייז, ער האט געזען א נייע געגנט ווערט דא געבויט, אידן פון ברוקלין ציען זיך דא ארויס. מ׳איז געגאנגען צום ראש ישיבה פרעגן צו מען זאל עס קויפן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: ״איר קענט עס קויפן, אבער נישט פאר איין דאלער מער ווי די מארקעט פרייז, און זאג פאר דעם בעל הבית פונעם פארעם, אז פון ברוקלין ביז זיין פראפערטי אין ווייטן ליבערטי איז דא א סאך ליידיגע שטחים...״

**שמעון:** גוט גוט! איך האב הנאה פון די מעשה, אויב די שטעטל וואלט געווען מצומצם אויף א קליינע שטח וואלטן זיי געוויסט אז עווענטועל וועט מען זיך מוזן ברעכן און קויפן פאר טייערער פונם מארקעט פרייז.

איז וואס איז למעשה געווארן מיט יענעם פארעם?

**אברהם משה:** ער האט זיך געבראכן, מיר האבן עס אפגעקויפט, און מען בויעט שוין דארט כמעט מיט׳ן אייבערשטענ׳ס הילף.

**שמעון:** איז אויב קומט ארויף א דירה אויף די מארקעט קען סתם א פרעמדע מענטש עס אפקויפן, לאמיר זאגן איינער וואס געהערט נישט צו אייער קהילה נאר ער זוכט א שטילע געגענט וואו צו וואוינען, האט ער די רעכט צו קויפן דארט?

**אברהם משה:** אויסדריקליך ניין, ווייל אפילו די וואס געהערן יא צו אונזער קהילה טארן אויך נישט קויפן אן די רשות פון די הנהלה, עס איז דא א ליסט פון איבער הונדערט משפחות וואס שטייען און ווארטן אויף א הויז, וואו איז יושר זיך אריינצושטיפן, און בכלל איינער וואס קויפט אן זיך דורכרעדן מיט די חברי ההנהלה ווערט אויסגעשלאסן פון יעדע זאך פון די קהילה און מוסדות, דער ראש ישיבה איז זייער שטרענג אויף דעם, אבער ברוך השם עס קומט נישט צו צי דעם.

**שמעון:** ערלויב מיך א שאלה, איך וויל אביסל קלארקייט אינעם ענין, ווי איך פארשטיי איז די זאונינ״ג סתם אזוי אז מען קען

בויען דירות איינס נעבן צווייטן, נאר אין ענקער פאל איז עס צושטערט געווארן ווייל די שכנים האבן געשטימט דערקעגן.

**אברהם משה:** ניין, די זאונינ"ג דא איז אז מען קען נאר בויען א הויז אויב עס האט ארום זיך דריי אקער, אבער נאכדעם איז יעדע לאט פארצייכנט ביי די שטאט וויפיל עס איז ערלויבט דארט צו בויען, צום ביישפיל די קענסט האבן א שטח פון הונדערט אקער, אויב איז עס צוטיילט ביי די זאונינ"ג באר"ד אלס א איין פאמיליע לאט קען מען דארט בויען איין איינציגע הויז און נישט מער, וועגן דעם זענען מיר געגאנגען פאר א סובדעווידזש"ן, דאס הייסט אז מיר האבן פארלאנגט די שטח זאל לעגאל צוטיילט ווערן.

באמת נארמאלערהייט וואלט סתם א סובדעוויזש"ן אדורך געגאנגען גרינגערהייט ביי זיי, ווייל עס איז נישט דא צופיל פארלאנגען דערפאר, עס איז דא גענוג ליידיגע שטחים וואו צו בויען, אבער ביי אונזער פאל האבן זיי געזען אז עס קומט א נייע געגענט, דאס האט געברענגט אז די שכנים זאלן שטימען דערקעגן און עס בלאקירן.

**שמעון:** די האלסט אין איין רעדן פון "אקער", ווי אזוי געבט מען א שאצונג בערך די גרויסקייט פון א אקער?

**אברהם משה:** א גאנצע שטאטישע בלאק ארום און ארום, דאס הייסט א סקווער בלאק איז בערך פיר אקער לאנד, אין אנדערע ווערטער אין זעכציג אקער קען מען בויען א שטאט פון פופצן סקווער בלאקס! אז די ווילסט עס שאצן לויט וויליאמסבורג, איז לאמיר נעמען, פון מארסי ביז בעדפארד, און פאר אראפ ווילסאן, ראסס, ראדני, קיעפ, הופפער, יוס, פען, העווארד... דאס איז בערך א שאצונג פון זעכציג אקער, א גוטע התחלה פאר א שטעטל...?



ערשטע מקוה ווערט אויפגעשטעלט ה' שלח תשע"ט

**שמעון:** יא, ס'איז א שיין שטיקל באדן, עס איז דא ווי די ברכה זאל חל זיין...

**שמעון:** איך גיי דיר פרעגן שאלות, קען זיין אז נישט אלעס וועט דיר שמעקן, איך פרעג, און דו דארפסט נישט אויף אלעס ענטפערן.



דער ראש ישיבה ביים פארם לאט
דינסטאג פאר פסח תשפ"ב

**אברהם משה:** האב נישט מורא, דו פרעג, זארג דיך נישט, אין ענטפערן בין איך א עקספערט...

**שמעון:** איך קען דיך שוין אסאך יארן, די ביזט א באזעסענער מענטש, ווי אזוי הייבט זיך אויף א מענטש פון א גרויסע שטאט, וואס איז צוגעשטעלט

מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס צום לעבן, און ציעט זיך אין א פוסטע וואלד, אן קיין שכנים, אן קיין מוסדות, אן קיין שום בתי מדרשים, אן קיין גראסערי, אן קיין מיטלען צו לעבן, הײנט אז מען קוקט אן די שטעטל, זעט מען שוין אז עס האט זיך טאקע אויסגעארבעט, אבער וואס האט דיר געמאכט טראכטן אז עס גייט זיך טאקע אויסארבעטן, עס מוז דאך זיין אז עפעס א מהלך האסטו געהאט אין קאפ ווען דו האסט זיך ארויסגעצויגן, וואס דו ביסט געווען פארזיכערט אז דאס גייט זיך סוף כל סוף אויסארבעטן.

**אברהם משה:** א שטארקע שאלה, איך וועל דיר זאגן, עס איז נישט געווען מיין ערשטע שריט אין לעבן וואס דרויסענדיגע מענטשן האבן אנגעקוקט ווילד, איך וויל נישט פארקריכן פונעם שמועס, מ'קען מאכן נאך א גאנצע באשרייבונג אויף יעדע איינציגע זאך, צו אין אנהייב ווען איך בין געגאנגען פון א "נארמאלע" קהילה, בית המדרש, חברים, סביבה, און פלוצלונג אריבער קיין "היכל הקודש". צו ווען מיר האבן געעפענט די "**תלמוד תורה היכל הקודש**", איך האב גענומען מיינע קינדער פון א "נארמאלע געסעטעלט"ע מוסד" און זיי אריינגעשטעלט אהין, אדער ביים עפענען די מיידל שולע "**בית פיגא**". ברוך השם איך בין צוגעוואוינט צו שפרינגען און זיין שטארק אז עס וועט געלונגען, ווייל איך שמועס אלעס אויס מיט'ן אייבערשטן פאר דעם.

**שמעון:** איך טראכט אפשר האסטו געהאט אין קאפ אז אין ערגסטן פאל אויב ארבעט עס זיך נישט אויס וועסטו זיך צוריקציען אין שטאט?

**אברהם משה:** ניין! דאס מאל האסטו נישט גוט צוגעטראפן, אזא זאך איז מיר נישט געקומען אין געדאנק אפילו פאר איין פראצענט! דער ראש ישיבה איז אויך זייער שטרענג געווען אויף דעם פרט. אנהייב פלעגן יונגעלייט קומען פרעגן דעם ראש ישיבה צו זיי זאלן זיך ארויסציען, דער ראש ישיבה האט קיינעם נישט געענטפערט, אבער איין זאך האט ער געזאגט: "אויב דו ציעסט זיך ארויס, בין איך דיר נישט מקנא אויב דו קומסט צוריק".

דער ראש ישיבה האט דערמאנט די משנה אין מסכת סוטה אז ביי א מלחמה נאך ווען אלע אידן זענען געווען גרייט ארויסצוגיין קעמפן, זענען די שוטרים געשטאנען מיט אייזענע העק, און ווער עס איז אנטלאפן זענען זיי געווען בארעכטיגט אים אפצוהאקן די פיס; די משנה זאגט דארט: **תחילת נפילה ניסה**, צוריקלויפן איז די גרעסטע דורכפאל, אז דו גייסט נישט גייסטו נישט, אבער אז דו גייסט און דו לויפט צוריק דאס איז שוין א פארברעך, מיט דעם קענסטו חס ושלום אונטערגראבן די גאנצע זאך.

אבער קוק למעשה, די אלע זאכן אין וואס איך בין אריינגעשפרינגען און מענטשן האבן - ווי מען זאגט

**מיט די בחורים אויף א באזוך אין שטעטל - זומער תשע"ט**



- געהויבן ברעמען, מענטשן האבן געפרעגט: וואס איז די מעשה מיט אים? למעשה האט אלעס מצליח געוועזן, אבער נישט סתם.

ווען איך בין דאס ערשטע מאל אריין אין "**בית המדרש היכל הקודש וויליאמסבורג**" ווינטער תשס"ד איז דארט נישט געווען קיין מנין... און קוק היינט היכל הקודש איז א אלוועלטליכע קהילה, היכל הקודש האט היינט בתי מדרשים אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, אין קרית יואל איז דא צוויי שול'ן, אויסער דעם איז דא אין בלומינגראוו א שול. לעיקוואוד, סטעטן איילענד.

נאכדעם אין ארץ ישראל האבן זיך שוין געעפענט בתי מדרשים אין יעדע געגענט, אין ירושלים, בני ברק, בית שמש איז דא צוויי שול'ן, צפת, טבריה, בראכפעלד, יבנאל. אזוי אויך אין אייראפע איז דא אין מאנטשעסטער, לאנדאן. וואו נאך... איך האף איך האב נישט אויסגעלאזט. עס קען זיין אז יעצט בשעת מיר זיצן דא אין שמועסן עפענט זיך ערגעץ נאך א בית המדרש...

דאס זעלבע איז מיט די תלמוד תורה היכל הקודש וואס האט זיך אנגעהויבן - אויב איך געדענקט גוט - מיט **דרייצן קינדער** איז שוין היינט א נעץ פון פיר תלמוד תורה'ס, און די מיידל שולע באשטייט שוין היינט פון דריי מיידל שולעס, און... עס איז נאר די אנהייב ברוך השם, מער און מער מענטשן ווערן מקורב צום הייליג'ן רבי'ן, עס קומט צו פרישע תלמידים, און די תלמידים האבן חתונה און האבן ברוך השם קינדער וואס מען שיקט אין די מוסד, אזוי געלויבט דעם אייבערשטן וואקסט דאס, די הפצה איז היינט גרויס.

**שמעון:** קען זיין אז עס איז צעוואקסן טאקע ווייל די ביסט דארט... איך קען דיך פאר איינעם וואס איז ווייט פון א בטלן, אין די פריערדיגע קהלה ווי דו ביסט געווען האסטו אויך אויפגעארבעט א "יש מאין", חוץ פון דעם ביסטו אויך געווען א שטארק אקטיווער עסקן, האסט געגרינדעט די "קרן חתנים" אין ישיבה, האסט געפירט די "פאנ"ד רעזינ"ג" פאר די כולל, האסט ארויסגעגעבן א "וועכענטליכע גליון", שפעטער פלעגסטו "פאנד רעיזן" פאר דיין שווער'ס מוסד "למען אחי", איך געדענק נישט וואס נאך, אבער דו ביסט קיינמאל נישט געזיצן מיט פארלייגטע הענט.



ערשטע טאג חדר נאך זומער אין מיין בעיסמענט

**אברהם משה:** איך הער... אבער לאמיר נישט פארקריכן, לאמיר זיך האלטן צום שמועס, די שטעטל איז בסך הכל געווען נאך א רינגעלע פון זאכן וואס איך בין אריינגעשפרינגען און עס האט אויסגעזען ווי איך גיי קאפ אין

וואנט.

אבער לאמיר דיר זאגן נאך א נקודה, באמת די שטעטל איז יא געווען אביסל אנדערש פון אלע פריערדיגע נייע זאכן, בשעת ווען איך בין אריין אין קאנטרעקט פאר די דירה אין שטעטל, איז שוין געליגן דארט א שיינע פאר יאר פון פלאנירונג, און בעיקר א שיינע פאר יאר פון תפילות.

איך האב ביי מיר אפגעשריבן די השתלשלות הדברים פון די ערשטע מאל מען האט אנגעהויבן פלאנירן בויען א שטעטל, די סדר הדברים פונעם אנהייב ביז מען האט זיך למעשה ארויסגעצויגן, עס איז ממש ווינדערליך צו זען די השגחה פרטית אויף יעדע טריט און שריט, ווי מיר האבן געזען כסדר אז מען פירט פון הימל אז עס זאל זיין א ברסלב'ע שטעטל דא אין ליבערטי.

איך קען נישט טראכטן פון קיין אנדערע משל, אבער די נאנסטע זאך וואס קומט מיר יעצט אויפ'ן געדאנק איז די גמרא, אז ווען נבוכדנצר הרשע איז געקומען חרוב מאכן דעם בית המקדש האט ער געווארפן א פייל צו מזרח, צו מערב, צפון, און דרום; און אלעמאל איז עס געפלויגן צום ריכטונג פון ירושלים.

ביי אונז איז געווען די זעלבע, וואס מיר האבן נאר געטון, אפילו זאכן וואס לפי ראות עין איז עס געווען א פייל אין די פארקערטע ריכטונג, האט מען קלאר געזען אז פון הימל האט מען אלעמאל צוריקגעפירט צו א שטעטל, דא אויף דעם פלאץ ווי מיר זענען.

דו דארפסט אויך פארשטיין נאך א זאך, מיר האבן היינט א גרויסע קהילה, און עס זענען דא צווישן אונז א סאך מענטשן וואס זענען גרייט צו טון וואס מען רופט ביי די וועלט פאנ"י אינטערסאנטע זאכן,



מען פארבט די בעיסמענט עס צו אנגרייטן פאר'ן שול

נעם א קליינע דוגמה "**חתונה מאכן אין בית המדרש**", מיר באשטייען היינט פון א קהילה פון מענטשן וואס זענען גרייט צו טון זאכן וואס איז גוט פאר זיך... אפגעזען וואס אנדערע וועלן זאגן, איך בין טאקע ארויס דער ערשטער, אבער ווען איך האב מיך ארויסגעצויגן האט איך שוין געזען מיט מיינע אויגן א פערטיגע שטעטל.

**שמעון:** איך פארשטיי, דו ברענגסט ארויס שטארקע נקודות, עס איז א קהילה, מען ארבעט אינאיינעם, און די זאכן וואס מען טוט איז נישט מער ווי נארמאלע זאכן, זאכן וואס יעדער וויינט אויף דעם, אבער ווען ס'קומט למעשה גייט מען צוריק אין נעץ אריין, יעדער ווייסט אז עס איז גאר ווייט פון נארמאל צו צאלן פיר פינף אלפים רענט פאר א דירה אין שטאט, יעדער ווייסט אז עס איז הימל שרייענד די סטאנדארט פון חתונה מאכן, אבער די "**מה יאמרו הבריות**" שפילט גאר א שטארקע ראלע אין דעם וואס מען מעג טון למעשה.

**אברהם משה:** יא דו האסט עס ארויס.

**שמעון:** על כל פנים, נחזור לענינינו, וויאזוי איז צוגעגאנגען דאס זיך ארויסציען, וויפיל משפחות זענען ארויס צום ערשט, און ווען האבן אנגעהויבן צוקומען נאך משפחות?

**אברהם משה:** עס איז געווען אפאר פלענער ווען דער עולם זאל זיך ארויסציען, אבער די ענדגילטיגע פלאן איז געווען אז עס וועט זיך אנהייבן פאראלעל מיט קעמפ, יעמעם זומער תשע"ט זענען געווען ניין משפחות וואס

זענען געווען גרייט ארויסצוגיין, מיר האבן געברענגט די ליסטע פון די ערשטע משפחות פאר'ן ראש ישיבה, די משפחות האבן זיך ארויסגעצויגן אין יענעם צייט אפשניט, דאס הייסט צווישן די חדשים סיון, תמוז, איינער פריער איינער שפעטער, אבער במשך די צוויי דריי וואכן האבן זיך די משפחות ארויסגעצויגן, מיט מוסדות איז נישט געווען קיין פראבלעם ווייל מיר האבן געשיקט די קינדער אין קעמפ, און אויך די קלענערע קינדער האט מען געשיקט דארט אין דעי קעמפ, און במשך די זומער זענען כסדר צוגעקומען נאך און נאך משפחות, אזוי אז ווען עס האט זיך אנגעהויבן די נייע אלול זמן איז שוין געווען א שיינע פאר משפחות, און מען האט געקענט אנהייבן א חדר און סקול מיט זיי.

די פאר וואכן וואס איך בין דארט געווען איידער די אנדערע משפחות זענען געקומען, איז נאכנישט געווען קיין מנין אין שטעטל, פלעג איך דאווענען אין קרית וויזניץ אין קיימישע, (מער באקאנט מיט'ן נאמען גיבערס) דארט בין איך אויך געגאנגען אין מקוה יעדן טאג, גראסערי האב איך איינגעקויפט אדער אין קיימישע, ווי זיי האבן צוויי פיינע גראסערי'ס, אדער אין סאוט פאולסבורג אין די ישיבה'שע געגענט זיי האבן דארט א פיינע גראסערי וואס רופט זיך "יגדיל", (וואס אגב דאס איינקויפן אינדרויסן איז אנגעגאנגען פאר א לאנגע צייט, ביז עס האט זיך געעפנט א גראסערי אין שטעטל) ברוך השם מ'האט זיך א עצה געגעבן.

**שמעון:** און וואו איז אלעס געווען אין די ערשטע פאר חדשים.

**אברהם משה:** די בית המדרש איז געווען אין מיין בעיסמענט, דארט איז אויך געווען די מקוה, די ערשטע שבת, דאס הייסט שבת בהעלותך זענען געווען צוויי משפחות, איך מיט יצחק אהרן וויינבערג נרו יאיר; עס איז נישט געווען קיין מנין פון אייגענע איינוואוינער, איך בין דא געווען מיט מיין זון שרגא פייבל נרו יאיר, ארי לונגער נרו יאיר וואס איז מיטגעקומען מיט מיר, (עס פארלאנגט זיך באמת א באזונדערע קאפיטל ווי ער איז מיט מיר מיטגעקומען, און מיר געשטאנען צו די רעכטע האנט מיט'ן בויען די שטעטל, ער איז געווען ביי מיר אין שטוב ווי א אייגן קינד) אויך יצחק לעווי נרו יאיר איז איינגעשטאנען דארט שבת, ער איז געקומען אויף געסטערייי ביי יצחק אהרן, מיט נאך געציילטע בחורים, אזוי איז אדורך די ערשטע פאר וואכן מיט א ענגע מנין.

די ערשטע צוויי וואכן האט מען געדאווענט אין מיין דיינונג רום, מיר האבן נאכנישט געהאט קיין מקוה, ערב שבת בין איך געגאנגען אזוי ווי יעדן טאג אין קרית וויזניץ, אבער שבת אינדערפרי וואו קען איך מיך שטעלן דאווענען אן א מקוה, האב איך אראפשפאצירט בערך פופצן מינוט צו א טייך וואס פליסט דארט, עס איז אין די שטח וואס געהער צו זלמן לייב זילבער נרו יאיר אויף גארדען האויז ראוד, איך האב געטראפן א באהאלטן פלאץ צווישן דיביימער, דארט האט איך געכאפט א טבילה.

**די בית המדרש איז געווען אין מיין בעיסמענט, דארט איז אויך געווען די מקוה, די ערשטע שבת, דאס הייסט שבת בהעלותך זענען געווען צוויי משפחות, איך מיט יצחק אהרן וויינבערג נרו יאיר; עס איז נישט געווען קיין מנין פון אייגענע איינוואוינער.**

אבער די צווייטע וואך האבן מיר שוין געהאט א אויפגעשטעלטע פראוועזארישע מקוה וואו מען איז געגאנגען דארט יעדן טאג, מען האט עס געלייגט אינדרויסן אין די ליידיגע שטח אונטער מיין דירה אין וואלד, עס איז געוועןא קאלטע מקוה אבער עס איז פונקט גוט געווען פאר׳ן זומער.

**שמעון:** ווילאנג איז געוועןביי דיר די בית המדרש און די מקוה?

**אברהם משה:** ביז דעם נעקסטן יאר זומער תש״פ ווען מיר האבן זיך אריינגעצויגן אינעם נייעם בית המדרש אויף האשקי.

**שמעון:** זייער שיין! לאמיר דיר פרעגן לגבי די הייזער, וויאזוי ארבעט עס דארט, מען בויעט דארט נייע הייזער, אדער מען קויפט אפ אלטע?

**אברהם משה:** מיין הויז איז געבויעט געווארן אין יאר 2002 למספרם. ווען איך האב מיך אריינגעצויגן דארט איז עס אלט געוועןאינגאנצן זיבעצן יאר, איך האב עס באקומען אין זייער א גוטע צושטאנד, עס האט אויסגעזעהן ווי מען האט עס כמעט נישט געניצט די אלע יארן, רוב צייט האבן געוואוינט אין דעם ריזיגן דירה צוויי אלטע מענטשן... די אנדערע תושבים איז דא וואס האבן געקויפט ליידיגע שטחים און געבויעט נייע הייזער, און עס זענען דא וואס האבן אפגעקויפט אלטע הייזער.

**שמעון:** וואס איז די פרייז פון א הויז דארט?

**אברהם משה:** עס איז שווער צו ענטפערן אויף די שאלה, עס איז נישט אזוי ווי אין שטאט וואס א בראונסטאון אין די געגנט איז די פרייז כך וכך, און אין די געגנט איז די פרייז אזוי, דא איז יעדע הויז א אנדערע מסכת, קודם וויפיל סקווער פיס עס איז, ווי אלט עס איז און נאך טויזנט זאכן וואס יעדע הויז איז אנדערש פונעם צווייטן.

**שמעון:** ווי גרויס איז דיין הויז? וויפיל האסטו געצאלט פאר דיין הויז?

**אברהם משה:** האסט מיר געזאגט אז איך דארף נישט ענטפערן אויף אלעס וואס דו פרעגסט, די פראגע גיי איך נישט ענטפערן... אין אמעריקע זאגט מען: איי פליד די פיפט...

**שמעון:** דו ביזט גוטע נייעס! לאמיר דיר פרעגן, יעצט ווערט שוין דריי יאר זייט דו האסט זיך אריינגעצויגען דארט, וואס איז די הצלחה ווי אזוי וואקסט עס אזוי שנעל?

**אברהם משה:** איך וועל דיר זאגן, איך קען דיר ארומדרייען מיט בוידעם סברות פון דרך הטבע זאכן, און דו וועסט זיין צופרידן, אבער אז דו ווילסט הערן די אמת׳ע סיבה וועל איך דיר זאגן.

אונזער הצלחה איז פשוט ווייל עס ווערט נישט געטון קיין שום זאך אן דעם וואס מען זאל זיך קודם איבערשמועסן מיט׳ן אייבערשטן, ווען איך האב געהערט אז איך קען קויפן א הויז, בין איך נישט



ראש ישיבה שליט״א ביים פארלערנען דעם דף גמרא
אין שול מוצאי שבת שופטים תשע״ט

געגאנגען און זיך נאכגעפרעגט, און לויט דעם האב איך געמאכט די החלטה צו קויפן א הויז, נאר זייט איך האב געהערט די ווארט "שטעטל", האב איך געהאלטן אין איין פרעגן דעם אייבערשטן, זאל איך גיין? איז דאס פאר מיר? גייט עס מצליח זיין? און אזוי ביי יעדע פרט ופרט, שפעטער ווען פלענער האבן זיך געטוישט, האב איך נאכאמאל איבערגעפרעגט דעם אייבערשטן, למשל ווען עס איז געווארן די פלאן אז עס גייט זיין צושפרייט, האב איך ווידער איבערגעשמועסט מיט'ן אייבערשטן: **"רבונו של עולם די ערשטע פלאן איז דורכגעפאלן, זאל איך גיין ווייטער? רבונו של עולם פיר מיר אויף די ריכטיגע וועג, זאל איך גיין? און אויב זאל איך גיין, וועלכע הויז זאל איך קויפן, רבונו של עולם וואס טו איך וועגן מוסדות? גייט עס זיך אויסארבעטן?"** און אזוי יעדע קליינע פרט, נאכמאל און נאכאמאל.

קוק מיך נישט יעצט אן ווי א מלאך... ווי עפעס א הימל מענטש, יעדער איינער אין די קהילה טוט דאס, וואס מיינסטו וואס טוט דער ראש ישיבה, ווי אזוי קען ער זיך אונטערנעמען צו זאגן פאר מענטשן גיי קויף שטחים אויף די לבנה... עס איז נישט קיין שפיל, נאר וואס דען, פאר יעדע זאך, פאר יעדע טויש שמועסט ער עס אדורך מיט'ן אייבערשטן.

נאך די ערשטע מאל וואס



ר' יוסף שניטצלער לערנט פאר דעם דף גמרא, זומער תשע"ט

עס איז דורכגעפאלן, עס האט אויסגעזעהן ווי דאס איז עס, עס איז אויס מיט'ן שטעטל, דער ראש ישיבה האט נישט גלייך געוויסט יענע רגע וואס מען טוט ווייטער, ער האט זיך מתבודד געווען, "רבונו של עולם גייט מען צוריק אדער גייט מען ווייטער"? און אזוי אויך שפעטער ווען די פלענער האבן זיך געהאלטן אין איין טוישן, מען האט נאכאמאל געפרעגט אויף יעדע זאך.

מיין נישט אז עס איז געווען גרינגע החלטות, אויבן אויף האט יעדער געזאגט אז עס גייט קיינמאל נישט מצליח זיין, ס'איז א קליינע קהילה, ס'איז אזוי ווייט פון שטאט, שווערע געזעצן, גרויסע קהילות זענען שוין געזעצן אויף פלענער צו מאכן ישובים און עס איז דורכגעפאלן, גרויסע עשירים גרויסע אינוועסטארס האבן שוין אנגעהויבן מיט נייע געגנטער דא, אלעס האט געקראכט, אלע האבן זיך געבעטן ביים ראש ישיבה אז עס איז נישט דא קיין שום

אויסזיכט עס זאל ארבעטן.

יעדע מאל מען איז געקומען צום ראש ישיבה און מען האט פארגעלייגט סברות האט דער ראש ישיבה אויסגעהערט, און נאכדעם האט ער געטון ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מען מוז לעבן מיט שיחה - שמועסן מיט'ן אייבערשטן, דאס הייסט חוץ פון דעם וואס א מענטש בעט דעם אייבערשטן ווען ער האט א צרה איז דא אזא זאך ווי זיך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן אזוי ווי די שמועסט מיט דיין קאנסאלטענט, דיין יועץ, און נאכדעם זעט מען וויאזוי דער אייבערשטער פירט ווייטער, אזוי ווייסט מען אז מען גייט אין די ריכטיגע וועג, צו מען גייט ווייטער אדער מען ציט זיך צוריק.

נאך א נקודה, אפילו ווען דער ראש ישיבה האט שוין געמאכט התבודדות און באקומען זיין ענטפער, מיינט דאך נישט אז פאר מיר איז די זעלבע ענטפער, איך דארף מיך אליין צאמנעמען און אויסשמועסן אלע צדדים וואס איז נוגע פאר מיר און לויט דעם קען איך זען ווי אזוי דער אייבערשטער ענטפערט מיר.

**שמעון:** שוין! האסט שוין געטון הפצה היינט...

**אברהם משה:** וואס הייסט?

**שמעון:** האסט דאך גערעדט צו מיר וועגן התבודדות.

**אברהם משה:** קענסט עס פרובירן צו טון, דיין מויל באלאנגט נישט צו מיר... אז דו וועסט עס טוהן וועסטו אליין זען, עס געבט דיר א רואיגקייט אין לעבן, דו ווייסט אז דו טוסט נישט קיין שום זאך אליין, אלעס איז מיט'ן הסכמה פונעם אייבערשטן, דאס איז די סוד פון די הצלחה, ס'איז א קהילה פון מענטשן וואס רירן זיך נישט אן דורכשמועסן מיט'ן אייבערשטן.

**שמעון:** יא איך באקום די זאכן, איך באקום די "חיזוק יומי", איך ליין "עצתו אמונה", איך בין טאקע נישט קיין ברסלב'ער, אבער ווי זאגט דער ראש ישיבה: "ברסלב האט נישט אפגעקויפט דעם אייבערשטן".

**אברהם משה:** אין הכי נמי..., איך האב נישט געטראכט אנדערש.

**שמעון:** גראדע הער איך ביי די שיעורים, דער ראש ישיבה איז זייער קעגן גיין אין כולל אויב מ'האלט נישט ביים לערנען, א טאג נאך שבע ברכות מוז מען גיין ארבעטן, איז וואו איז טאקע דא פרנסה פאר א שטאט איבער הונדערט משפחות.

**אברהם משה:** די תשובה אויף דעם האט דער ראש ישיבה געענטפערט נאך איידער מען האט אנגעהויבן זיך ארויסצוציען, דאס איז אויך געווען איינע פון די זאכן וואס מען האט זיך געזארגט ביים גרינדן דעם שטעטל.

דער ראש ישיבה האט דעמאלט געזאגט: "וואס מיינסטו דער אייבערשטער געבט פרנסה נאר פאר ווער עס וואוינט ביז'ן דזשארדזש וואשינגטאן ברידזש..."



ערשטע טאג חדר ביי המלמד ר' הערשל שניטצלער זומער תשע"ט

ברוך השם קיינער דרייט זיך נישט ליידיג, יעדער איינער ארבעט, און עס איז דא ארבעט איבערן קאפ, עס זענען דא כולל יונגעלייט אויך, אבער דאס איז נישט קיין געזאגטע מעשיות,

דאס זענען אויסגערופענע מתמידים, נישט דא קיין בטלה קיין איין רגע, דער ראש ישיבה איז זייער שטרענג אז אין כולל קען זיצן נאר א מתמיד, א ארבעטער האט געגוג און נאך צייט צו לערנען א שיינע פאר שעה א טאג אן קיין כולל, כולל איז געמאכט פאר איינעם וואס איז ממש משים לילות כימים.

**אברהם משה:** שוין איך מיין אז מיר האבן גדעקט אלעס.

**שמעון:** ווייט פון אלעס גדעקט, איך האב נאך אסאך צו פרעגן, אבער אז דו יאגסט זיך גיי איך דיר נישט אויפהאלטן.

**אברהם משה:** וואס האבן מיר נאכנישט גדעקט?

**שמעון:** איך וועל דיר פרעגן אפאר שאלות בנשימה אחת... און הערשט איז עס נאך ווייט נישט אלעס...

**אברהם משה:** קענסט פרעגן, הערכסטנס וועט מען עס לאזן פאר א קומענדיגע מאל.

**שמעון:** פונעם גאנצען כדור הארץ, פארוואס עפעס האט מען אויסגעקליבן פונקט דעם פלאץ?

**שולן! מענטשן שלעפן זיך אפאר מייל צום שול אהין און צוריק דריי מאל א שבת?**

**וואו איז די תלמוד תורה?**

**וואו איז די מיידל שולע?**

**די ישיבה איז אויך דארט?**

**וויפיל קינדער זענען דא?**

**וואו גייט מען צו א דאקטער ווען מ'דארף?**

**איז דא דארט א שפיטאל צוגעשטעלט? (פארשטייט זיך פאר שמחות)**

**הצלה קומט ביז דארט?**

**וויאזוי ארבעט א עירוב ארום אזא ריזן שטח?**

**וויפיל שאצט מען אויף די נעקסטע פאר יאר אז עס וועט זיך צעוואקסן?**

**ווי אזוי גייט עס דא מיט ימים טובים, א פסח א יום הקדוש, א שמחת תורה?**

**דער ראש ישיבה פלאנט זיך ארויסצוציען?**

**ווי אפט קומט דער ראש ישיבה ארויס?**

**ווי אזוי איז געווען ביי קאוויד ?**

איך האב נאך שאלות... זאל איך גיין ווייטער, איך מיין אז עס איז גענוג פאר יעצט.

**אברהם משה:** קוק אהער, איך דארף נאך ענדיגן לערנען מיינע שיעורים כסדרן, איך האף אז דער עולם וועט זיין צופרידן, אם ירצה השם אין א קומענדיגע געלעגענהייט וועלן מיר מאכן נאך א אינטערוויו.

בלייב מיר געזונט.

הצלחה רבה.

**די תשובה אויף דעם האט דער ראש ישיבה געענטפערט נאך איידער מען האט אנגעהויבן זיך ארויסצוציען, דאס איז אויך געווען איינע פון די זאכן וואס מען האט זיך געזארגט ביים גרינדן דעם שטעטל.**

**דער ראש ישיבה האט דעמאלט געזאגט: "וואס מיינסטו דער אייבערשטער געבט פרנסה נאר פאר עס ווער וואוינט ביז'ן דזשארדזש וואשינגטאן ברידזש..."**

# שִׂמְחַת הַחֲתוּנָה

## דִי לִיכְטִיגֶע יוֹם הַחֲתוּנָה אוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת טֶעג בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א



### "סִימָן טוֹב וּמַזָּל טוֹב!"

פוּן טִיפְן הַארְצְן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט, שׁוֹמְעֵי לִקְחוֹ וְקוֹרְאֵי סְפָרָיו, דִי טוֹיזְנְטֶער תַּלְמִידִים אִיבֶּער דֶער גָארֶער וֶועלְט, בְּשִׂמְחַת מוֹרֵנוּ רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לְרֶגֶל נִשּׂוּאֵי בִּתּוֹ תִּחְיֶ' עב"ג הֶחָתָן הַנַּעֲלֶה הָרַב נְתַנְאֵל פָּארְקָאשׁ נֵרוֹ יָאִיר, וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פַארְגַאנְגֶענֶעם וִוינְטֶער.

גְלַייכְצֵייטִיג, שֶׁעפְּשֶׁען אַלֶע אַ תְּפִילָה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זֶען נַחַת בַּיים דֶעם פָּארְפָּאלְק אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, אוּן תַּלְמִידִים הַקְּרוּיִים בָּנִים, גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט הַרְחָבַת הַדַּעַת, אוּן אוּנְז קֶענֶען וַוייטֶער בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְן וִוי אַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ דִינֶען לוֹיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אָבִינוּ רוֹעֵנוּ מוֹהֲרָ"א"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אַגְרָא דְּבֵי הִילוּלָא מִילֵי, לְאוֹר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פַארְשְׁרִיבְן אִין אַ בְּרִיוו דִי לִיכְטִיגֶע יוֹם הַחֲתוּנָה אוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת טֶעג, צַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, דְרוּקְן מִיר דֶעם בְּרִיוו.

קִרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם!

הַמַּעֲרֶכֶת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מַאנְטְשֶׁעסְטֶער

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, **הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ!** אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אוּנְטֶערְפִירְן מַיין טָאכְטֶער אוּנְטֶער דִי חוּפָּה מִיט הַחָתָן נְתַנְאֵל בֶּן רֶבִּי יוֹאֵל שְׁלִיטָ"א; **מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי.**

דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה; אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי לִיכְטִיג. עֶס זֶענֶען שׁוֹין פָארְגֶעקוּמֶען אֵיין אִין דְרַייסִיג חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, דָאס אִיז דִי צְוֵויי אִין דְרַייסִיגְסְטֶע חֲתוּנָה בְּחִנָּם. דִי מִשְׁפָּחוֹת בְּרֶענְגֶען דִי עֶסְן, אוֹיךְ מַאכְט מֶען עֶסְן אִין יְשִׁיבָה, דִי גַאנְצֶע חֲתוּנָה קָאסְט נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר דִי מְחוּתָּנִים; דִי מוּזִיק אִיז אַ טֶעיפּ, דִי בְּלוּמֶען אִיז עֶכְטֶע פַאלְשֶׁע; דָאס הָאט מֶען אֵיינְמָאל גֶעקוֹיפְט אוּן שׁוֹין אִיבֶּערְגֶענוּצְט צְוֵויי אִין דְרַייסִיג מָאל. דִי הָאר פַאר דִי כַּלָּה מַאכְט אַ תַּלְמִידָה; דִי סְקוּל הָאט בַּאצָאלְט פַאר אַפָּאר תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן זִיךְ לֶערְנֶען צוּ מַאכְן הָאר, אוּן אוֹיךְ מַאכְן זֵיי דִי פָּנִים פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן דָאס. נִישְׁטָא קַיין גְרַאמֶער, מֶען רוּפְט אוֹיס אַלֶע מְחוּתָּנִים: "יַעֲמוֹד, יַעֲמוֹד"; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אוּן הֶערְלִיךְ.

דִי קַבָּלַת פָּנִים אִיז גֶעוֶוען הַאלְבּ זֶעקְס, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים. נָאכְדֶעם אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען בַּאדֶעקְן דִי כַּלָּה, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם בַּאדֶעקְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִי חָתָן כַּלָּה זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן חֵלֶק ב', סִימָן ח): **"הַכִּסּוּי שֶׁמְּכַסִּין פְּנֵי הַכַּלָּה קֹדֶם הַחֻפָּה"**, דָאס צוּדֶעקְן דִי כַּלָּה פַארְ'ן חוּפָּה, **"יֵשׁ לָהּ כֹּחַ הַהוֹלָדָה"**, הָאט אַ כֹּחַ צוּ הָאבְן קִינְדֶער; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פו): **"מַה שֶּׁמְּכַסִּין אֶת הַכַּלָּה בְּדֶעק טוּךְ, כִּי הַכַּלָּה רוֹמֶזֶת לְרָחֵל 'עוּלִימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְּלֵית לָהּ עֵינִין'"**, עַיֵּין שָׁם.

מַיין טַאטֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער מְסַדֵּר קִידוּשִׁין. בַּיי מַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע צְוֵויי זִין הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעהַאט מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פַאר מְסַדֵּר קִידוּשִׁין, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א.

דִי כְּתוּבָּה הָאט גֶעלֵיינְט מַיין פֶּעטֶער, מַיין מַאמֶע'ס בְּרוּדֶער, הָרַב יְחֶזְקֵאל טֵייטֶלְבּוֹים שְׁלִיטָ"א דַיָּין אִין סַאטְמֶער. דֶער זֵיידֶע פוּנֶעם חָתָן, הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי אַבְרָהָם חַיִּים פָּארְקָאשׁ שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט צְוֵויי בְּרָכוֹת. מַיין שְׁוֶועְרְ'ס בְּרוּדֶער, הָרַב דָוִד דוֹב מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א, וַוייטְצֶענֶער רָב – הָאט גֶעזָאגְט אַ בְּרָכָה, אוּן מַיין שְׁוֶוער הָרַב רֶבִּי מָרְדְּכַי


ביים קבלת פנים


ביי די חופה



אַהֲרֹן שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט בְּרָכָה אַחֲרִיתָא.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, **אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גוּטֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶעמֶען, פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן שִׁידוּכִים, פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן קִינְדֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נָאךְ דִי חוּפָּה הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב, נָאךְ מַעֲרִיב הָאט מֶען זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ דִי סְעוּדָה, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אִינְזִין גֶעהַאט דֶערְבַּיי סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה, **פְּשׁוּט'ע עֶסְן**; בִּילְקֶעלֶעךְ, גֶעפִילְטֶע פִיש, פְלֵייש מִיט קַארְטָאפְל. הַבָּחוּר שְׁלֹמֹה גוּטְוַויין נֵרוֹ יָאִיר הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי עֶסְן אִין יְשִׁיבָה, עֶר אִיז זֵייעֶר גֶעטְרֵיי.

דִי טַאנְצְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, ווֶען עֶר הָאט גֶעזֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טַאנְצְן אִין קְלוֹיז אִין אוּמַאן: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען טַאנְצְן מִיט הִתְעוֹרְרוּת, אָבֶּער טַאנְצְן מִיט שִׂמְחָה – הָאבְּן אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען"; מַמָּשׁ אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט, **דִי טַאנְצְן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק שִׂמְחָה.**

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר ווֵייסְן פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיר ווֵייסְן אַז מֶען מֶעג זַיין פְרֵיילִיךְ; רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט זָאגְן: "דִי ווֶעלְט מֵיינְט אַז צוּ זַיין אַ ל"ו צַדִיק דַארְף מֶען זַיין אַ ווַאסֶער שְׁפֶּעֶר, אוּן דִי ווֶעלְט מֵיינְט אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק דַארְף מֶען זַיין טוֹיט דֶעפְּרֶעסְט, מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַן אוֹיפְגֶעלֵייגְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אַ בַּאלֶעבַּאטִישֶׁער אִיד אַזוֹי ווִי ר' אַבְרָהָם בֶּערְנִיו, דֶעם רַבִּינ'ס אֵיינִיקְל, אוּן זַיין פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים".


פְרֵייליכע ריקודין

**מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָא מִיט אוּנְז, מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט ווָאו מֶען רֶעדְט פוּן אִים, דָארְט ווָאו מֶען טוּט זַיין רָצוֹן. בַּיי אוּנְז לֶעבְּט מֶען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, מֶען אָטֶעמְט מוֹהֲרָא"שׁ.**

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אוּן מַיין שְׁווֶער שְׁלִיטָ"א הָאבְּן זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן. עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע חֲבֵרִים, אַלֶע תַּלְמִידִים, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייעְדְט צוּ זֵיי. אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דַיין בְּרוּדֶער נֵרוֹ יָאִיר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, לֶעצְטְנְס קוּמְט עֶר נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, אַ שָׁאד; אִיךְ הָאבּ אִים אַזוֹיפִיל מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַ שָׁאד אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט, זָאג אִים עֶר זָאל קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ פַאר אִים אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ.

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיךְ רַבִּי נַחְמָן שִׁיק שְׁלִיטָ"א, מוֹהֲרָא"שׁ'ס זוּן – אִיז גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן מִיט'ן חָתָן אוּן מִיט מִיר, אִינְמִיטְן טַאנְצְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּקָאכְט אוּן עֶר שְׁרֵייט צוּ מִיר אִין אוֹיעֶר: "**דֶער טַאטֶע אִיז דָא, אִיךְ זָאג דִיר עֶר אִיז דָא**", **מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן** **אַז מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָא**; בַּיי מִיר אִיז דָאס נִישְׁט אַ נַייעֶ זַאךְ, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָא מִיט אוּנְז, מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט ווָאו מֶען רֶעדְט פוּן אִים, דָארְט ווָאו מֶען טוּט זַיין רָצוֹן. בַּיי אוּנְז לֶעבְּט מֶען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ; גֶעדֶענְקְסְט אַווַדַאי ווִי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אִין יְשִׁיבָה, **מֶען לֶעבְּט מוֹהֲרָא"שׁ**, מֶען **אָטֶעמְט מוֹהֲרָא"שׁ**; הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע ווָאס פַארְרוּפְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אַזוֹי לֶעבְּן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ.

גֶעדֶענְקְסְט ווֶען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ ווַייזְן דִי זְמִירוֹת ווָאס מִיר הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, אוֹיפְ'ן דֶעקְל שְׁטֵייט יָצָא לָאוֹר עַל יְדֵי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט בִּנְשִׂיאוּת, מִיסוֹדוֹ, בְּהַנְהָלַת וְכוּ'; הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַז יוֹאֵל ווִיל פִירְן, וְהָא רַאְיָ' עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט מוֹהֲרָא"שׁ'ס נָאמֶען... אִיךְ הָאבּ זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעווִיזְן פַאר דִי תַּלְמִידִים, קוּק אַרַיין אִין דִי זְמִירוֹת, קוּק דִי נִיגוּנִים, יֶעדֶע נִיגוּן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז וְכוּ' וְכוּ'.

אַווַדַאי אִיז מוֹהֲרָא"שׁ דָא, נִישְׁט נָאר מוֹהֲרָא"שׁ, נָאר אוֹיךְ דֶער רַבִּי אוּן רַבִּי נָתָן, אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען אִין יְשִׁיבָה. אַ פְּלַאץ ווָאו מֶען לֶעבְּט מִיט צַדִיקִים – זֶענֶען דִי צַדִיקִים דָארְט, בִּפְרַט בַּיי דִי חֲתוּנָּה זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי בֶּעטְלֶערְס; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ ווִיל זֶען דִי בֶּעטְלֶערְס, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִי בֶּעטְלֶערְס. דֶער רַבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גִיבֶּענְקְט נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָּה", נָאכְן זִיךְ בֶּענְקֶען דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ דִי בֶּעטְלֶערְס

בַּאוויזְן; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז דִי בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען, עֶס שְׁטֵייט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״אִיךְ בִּין דָא״; זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען שְׁטֵיין נֶעבְּן בֶּעטְלֶער, מֶען קֶען זִיךְ גֶעפוּנֶען בַּיים בֶּעטְלֶער, אָבֶער מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט זֵיי, נָאר נָאכְן בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְּן – דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה זֵיי צוּ גֶעפוּנֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם. דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, דִי לָשׁוֹן הָרָע אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עַד כְּדֵי כַּךְ, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן, זֵיי לֵיינֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; נִישְׁט נָאר זֵיי לֵיינֶען דִי בְּרִיוו, נָאר זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי בְּרִיוו, עֶס אִיז זֵייעֶר חַיוּת – דָאךְ ווִילְן זֵיי נִישְׁט אַרוֹיפְקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זֵיי טְרַאכְטְן אַז דָא דְרֵייעֶן זִיךְ מִי יוֹדֵעַ וֶוער, אוּן וֶוען מֶען טְרָאגְט זֵיי אָן אַ שִׁידוּךְ פוּן יְשִׁיבָה – ווִילְן זֵיי נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי זִיכֶער אַז דָא זֶענֶען דִי בָּחוּרִים קַלִּים וְרֵקִים.

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה קוּמֶען אַלֶע צוּ גֵיין, קְרוֹבִים וָואס וָואלְטְן נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ קָרוֹב׳ס חֲתוּנָה; דָאךְ אִין בְּרֶסְלֶב, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִין יְשִׁיבָה – ווִילְן זֵיי זֶען; **אִיז דָאס אַ שְׁטַארְקֶע הֲפָצָה**. בִּפְרַט מַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַלֶע רַבָּנִים, דַיָּנִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וְרָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, פוּן אַלֶע זַייטְן; פוּן מַיין טַאטֶע׳ס זַייט, פוּן מַיין מַאמֶע׳ס זַייט, אוֹיךְ פוּן מַיין שְׁוֶוערְ׳ס זַייט אוּן מַיין שְׁווִיגֶערְ׳ס זַייט, אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען דִי יְשִׁיבָה, דִי בָּחוּרִים, דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ חֲתוּנוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**דֶער סַאטְמֶערֶער דַיָּין פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי גֶעצִיל בֶּערְקָאווִיטְשׁ שְׁלִיטָ״א אִיז גֶעקוּמֶען**, עֶר אִיז אַן אֵיידֶעם בַּיי מַיין שְׁוֶוערְ׳ס שְׁוֶוער, הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי יִצְחָק דָוִד פְרִיעֶדְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶער פָּאפָּא׳עֶר רֹאשׁ הַכּוֹלֵל; עֶר זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר וֶוען עֶר טְרֶעפְט מִיר אַז עֶר וֶוערְט זֵייעֶר נִתְפָּעֵל פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פוּן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. **אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער סַאטְמֶערֶער דַיָּין פוּן בָּארָא פַּארְק, הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פְרִיעֶדְמַאן שְׁלִיטָ״א**, אַן אֵיידֶעם בַּיי מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי יְשִׁיבָה אוּן פוּנֶעם חָתָן.

**אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מַיין פֶּעטֶער הָרַב רֶבִּי יוֹסֵף טֵייטְלְבּוֹים שְׁלִיטָ״א, רֹאשׁ הַכּוֹלֵל פוּן סַאטְמֶער בָּארָא פַּארְק**, אַ בְּרוּדֶער פוּן מַיין מַאמֶע. **אוֹיךְ מַיין פֶּעטֶער רֶבִּי יַעֲקֹב טֵייטְלְבּוֹים שְׁלִיטָ״א, דֶער רָב פוּן תּוֹלְדוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק אִין מָאנְסִי**, עֶר אִיז זֵייעֶר וַוארֶעם פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶר זָאגְט מִיר אַלְץ אַז דֶער פְּלַאץ אִיז אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ.

מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה בַּיי מַיין זוּן שְׁלֹמֹה׳ס חֲתוּנָה, **הָאט עֶר מִיךְ צוּגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: ״עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ דָא אַ רֵיחַ טָהֳרָה״**; עֶר הָאט דָאס אַפָּאר מָאל אִיבֶּערְגֶעזָאגְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה, לְמַעֲשֶׂה בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעקוּמֶען; זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַבִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אוֹיפְלֶעבְּן גַאנְץ מַאנְטְשֶׁעסְטֶער, **אִם קָטָן אַתָּה בְּעֵינֶיךָ – רֹאשׁ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אַתָּה!** וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע – טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן ׳מִי אָנֹכִי? וֶוער בִּין אִיךְ?׳ מֶען דַארְף לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.): ״**נִמְשְׁלוּ דִּבְרֵי תוֹרָה כָּעֵץ**״, דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ הָאלְץ, ״**שֶׁנֶּאֱמַר**״, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יח): ״**עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ**״, דִי תּוֹרָה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בּוֹים, ״**לוֹמַר לְךָ**״, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, ״**מַה עֵץ קָטָן מַדְלִיק אֶת הַגָּדוֹל**״, אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיינֶע שְׁוֶועבֶּעלֶע צִינְדְט אָן אַ גְרוֹיסְן דִיקְן בּוֹים, ״**אַף**״, אַזוֹי אוֹיךְ, ״**תַּלְמִידֵי חֲכָמִים קְטַנִּים מְחַדְּדִים אֶת הַגְּדוֹלִים**״, דִי יוּנְגֶע מְקוּרָבִים, דִי יוּנְגֶע קְלֵיינֶע – לֶעבְּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע.

בַּיים צְוֵוייטְן טַאנְץ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן מִיט מַיין פֶּעטֶער רֶבִּי שְׁמוּאֵל טֵייטְלְבּוֹים שְׁלִיטָ״א. דוּ קֶענְסְט אִים גוּט, עֶר לֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא מִיט דַיין זֵיידֶע ר׳ יִצְחָק פְרִיעֶדְמַאן, עֶר דַאוֶונְט אִין דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶר שׁוּל אוֹיף לִיעֶ עֶוֶוענְיוּ בַּיי דַיינֶע פֶּעטֶערְס, מִשְׁפַּחַת וַואסִילְסְקִי. עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייְדְט אוֹיפְ׳ן עֶרְד ווִי אַ רֶעדְל, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת


דער חתן ביים טאנצן מיט די זיידע קארלסבורגער רב שליט״א
און דעם ראש ישיבה שליט״א

הָרַ"ן, סִימָן פו): **"מַה שֶּׁמְּהַפְּכִין אֶת עַצְמָן"**, וָואס אִיז דִי טַעַם בַּיי אַ חֲתוּנָה אַז מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אִיבֶּער? **"זֶה בְּחִינַת** (שְׁמוֹת יט ג): **"וּמֹשֶׁה עָלָה"**", בַּיים חָתָן בַּיי זַיין חֲתוּנָה וֶוערְט יֶעצְט בַּיי אִים אַ בְּחִינָה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן מִיר גֶעפִינֶען אַז בַּיים בַּארְג סִינַי אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל, אוּן (שְׁמוֹת יט כ): **"'וַיֵּרֶד ה' עַל הַר סִינַי', שֶׁהַתַּחְתּוֹנִים עָלוּ לְמַעְלָה וְהָעֶלְיוֹנִים יָרְדוּ לְמַטָּה"**, כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען עַל הַר סִינַי.

צוּם בֶּענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין שְׁוָואגֶער הָרַב יוֹאֵל זוּסְמַאן הוֹרְוִויץ, אַ זוּן פוּן סְפִּינְקֶער רֶבִּי שְׁלִיטָ"א; מִיט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיינֶע פֶּעטֶערְס, אֵיין בְּרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אוּנְזֶער דַיָּין הָרַב ר' יוֹנָה.

**בַּיים מִצְוָה טַאנְץ הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער**, מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ אַפָּאר רְגָעִים אָנְכַאפְּנְדִיג דִי הֶענְט, אוּן נָאכְדֶעם לִפְנֵי הַכַּלָּה; עֶס זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע מִנְהָגִים וִוי אַזוֹי מֶען טַאנְצְט מִצְוָה טַאנְץ מִיט אַ טָאכְטֶער, אַ טֵייל טַאנְצְן מִיט דִי הֶענְט, מֶען כַאפְּט אָן דִי טָאכְטֶער, אַ טֵייל טַאנְצְן מִיט אַ גַארְטְל אוּן אַ טֵייל טַאנְצְן אָן גָארְנִישְׁט.

עֶס אִיז בַּאוִויסְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן טז; פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תקכח) אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, בַּיי דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער מִרְיָם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט טַאנְצְן מִיט אִיר מִצְוָה טַאנְץ, אָבֶּער דֶער מְחוּתָּן, דֶער וָואלְטְשִׁיסְקֶער הָאט דָאס נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט אוּן דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן, בַּיים סוֹף הָאט זִי נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "מִרְיָם הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּכְבוֹד מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט זִי בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ שֶׁנִּתְיַבְּמָה אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער"; עַל כָּל פָּנִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע טֶעכְטֶער.

נָאךְ דִי חֲתוּנָה בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם וַואכְטְנַאכְט פוּן יַעְנְקִי לֶעזֶער נֵרוֹ יָאִיר, דִי וַואכְטְנַאכְט אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיין שְׁוֶוער מָרְדְּכַי יוֹנָה.

מָאנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען דִי בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, זַיין טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, עֶר אִיז אִין יַבְנְאֵל. זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מַאשִׁין עֶר זָאל קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי בְּרִית מִיט דִי סְעוּדַת בְּרִית, אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען דָא וָואס טוּט זִיךְ אִין

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת פַאר דִי בָּחוּרִים. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ דִי חֲתַנִים; זֵיי דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, מֶען דַארְף פְּרִישׁ מְקוֹרָב וֶוערְן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה.

יַבְנְאֵל.

סַנְדְקָאוּת הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן זַיין שְׁוֶוער, מִיר הָאט עֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֶל הַכִּסֵּא אוּן עֲמִידָה לַבְּרָכוֹת, דִי בְּרָכוֹת הָאט גֶעזָאגְט זַיין שְׁוֶוערְ'ס טַאטֶע, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל בִּנְיָמִין בֵּיינִישׁ לֶעזֶער.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי ר' בִּנְיָמִין בֵּיינִישׁ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, אַ אִיד פוּל מִיט חַיּוֹת, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזִינְגֶען, בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה הָאט עֶר נָאר גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בַּיי שִׂמְחוֹת פוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אַלְץ אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, מַאכְן שְׁפִּירְן יֶענֶעם גוּט.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי יִצְחָק גֶערֶעדְט, מֶען הָאט אִים גֶעהֶערְט מִיט דִי מַאשִׁין.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פָּארְגֶעלֶערְנְט דִי שִׁיעוּר גְמָרָא אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת פַאר דִי בָּחוּרִים. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ דִי חֲתַנִים; זֵיי דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, מֶען דַארְף פְּרִישׁ מְקוֹרָב וֶוערְן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ הֶערְסְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, דִי שִׁיעוּר אִיז וֶוערְד אוֹיסְצוּהֶערְן. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי בָּחוּרִים דִי נִיגוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבַּארְדִיטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, "דוּ, דוּ, דוּ":

**"אַז עֶס אִיז גוּט – אִיז דָאךְ דוּ, חָלִילָה פַארְקֶערְט [וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט] – אִיז וַוייטֶער דוּ, אַז עֶס אִיז דוּ – אִיז גוּט, אוּן אַז עֶס אִיז גוּט – אִיז וַוייטֶער דוּ".**

בַּיינַאכְט הָאט מַיין טַאטֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין. מַיינֶע פֶּעטֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען, מַיין שְׁוֶוער הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר הַארְצִיג, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וִוי אִיז דָא אַ שֶׁענֶערֶע זַאךְ, אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְוֶועלְט זִיךְ אַ תַּלְמִיד, אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט אַלֵיינְס אַרַיינְגֶעלֵייגְט כֹּחוֹת אִין אִים?"

אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען אִיךְ הֶער דְרָשׁוֹת הֶער אִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ דִיבּוּרִים. וֶוען מַיין טַאטֶע רֶעדְט, מַיין שְׁוֶוער, אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע; אִיךְ בַּאלֶעק זִיךְ דִי פִינְגֶער. מַיין שְׁוֶוער הָאט גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז דִי פְּשַׁט פוּן שִׂמְחַת חָתָן וְכַלָּה וָואס מֶען מַאכְט בַּיי דִי חֲתוּנָה, לִכְאוֹרָה וָואלְט מֶען שׁוֹין גֶעדַארְפְט פְּרַאוֶוען דִי גַאנְצֶע זַאךְ בַּיי דִי לְחַיִּים, בַּיי דִי וָוארְט; וָואס אִיז יֶעצְט דִי שִׂמְחָה?

עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה (רַעְיָא מְהֵימְנָא, פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:) וָואס דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן דִי נִיסִים פֶּסַח בַּיינַאכְט,

אַמֶער, "**וְהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יָדַע כֹּלָּא!**" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ סֵיי וִוי אַלֶעס, "**כָּל מַה דְּהֲוָה**", אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, "**וְיֶהֱוֵי לְבָתַר דְּנָא**", אוּן וָואס גֵייט זַיין! דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר וָואס מֶען זָאגְט פֶּסַח בַּיים סֵדֶר, נָאר מֶען דַארְף כְּסֵדֶר לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וַוייזְט מֶען פַּארְ'ן חָתָן, בַּיים שִׁידוּךְ בִּיסְטוּ דָאךְ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, הָאסְט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעצְט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אַזוֹי הָאט עֶר צַאמְגֶעפְלָאכְטְן דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק זוֹהַר וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן תְּשׁוּבָה, וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פְרֶעגְט, וָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דִי עֲבֵירוֹת, חֲטָאִים אוּן עֲווֹנוֹת וְכוּ'? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס וֶועט זַיין? נָאר וֶוען דֶער מְקַטְרֵג קוּמְט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר זוּכְט אַן עוֹנֶשׁ, זָאגְט מֶען אִים, מֶען אִיז זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה, **אַזוֹי אוֹיךְ אַ חָתָן, בְּיוֹם חֻפָּתוֹ אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה, מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו, זָאגְט מֶען דֶעם חָתָן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ לֶעבְּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.**

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער חָתָן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן הֵייבְּט אָן רֶעדְן דִּבְרֵי תּוֹרָה, מִיר אִיז גוּט גֶעוָוארְן... נָאךְ אַ מַזָּל מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען זִינְגְט אַרַיין. דֶער חָתָן אִיז נָאךְ יוּנְג, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט וָואלְט עֶר גֶערֶעדְט אָן קַיין צוּמְצוּם; יוּנְגֶע מְקוּרָבִים, פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים כַאפְּן נִישְׁט דִי נְקוּדָה וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן בַּיי אַ שִׂמְחָה.

וֶוער עֶס גֶעדֶענְקְט מוֹהֲרָא"שׁ, בְּרֹב חָכְמָתוֹ, עֶר הָאט גֶערֶעדְט לוֹיט דִי מִשְׁתַּתְּפִים, בִּבְחִינַת (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, דַף קפו:): "**זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשָׁמְעִין**", ווּאוֹיל אִיז דֶער וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן פוּן צַדִּיקִים לוֹיט דִי מִשְׁפָּחָה צוּ וואוּ זַיין קֶערְן זִיךְ, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה פוּן סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן סַאטְמַאר רֶבִּי, וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בֶּעלְזְא חֲסִידִים הָאט עֶר גֶערֶעדְט פוּן בֶּעלְזְא רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.


ביים וואכנאכט לבן ר' יעקב הלל פארקאש נרו יאיר

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חֲנוּפָה חַס וְשָׁלוֹם, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעחַנְפְּה'ט, אֲפִילוּ בַּיי שִׂמְחוֹת. אִיךְ גֶעדֶענְק, יָארְן צוּרִיק הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר אֵיינֶעם פוּן דִי חַבּוּרָה, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען, מֶען הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ צוּ רֶעדְן, דֶער זֵיידֶע פוּנֶעם חָתָן דַאוֶוענְט מִיט סִדּוּרִים פוּן קַבָּלָה, יֶעדֶע וָוארְט פוּן דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען מִישְׁן דַּפִּים, גַאנְצֶע בְּלֶעטֶער מִיט שֵׁמוֹת, מוֹהֲרָא"שׁ בַּיים דְּרָשָׁה הָאט זֵייעֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דֶעם, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאכְגֶעמַאכְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס וֶוען מֶען דַאוֶוענְט אַזוֹי, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען אַז מוֹהֲרָא"שׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט זַיין נְקוּדָה, פוּן אֵיין זַייט זֶעעֶן מִיר בַּיי שִׂמְחוֹת וֶוען עֶס קוּמֶען מִשְׁפָּחָה, נִישְׁט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, רֶעדְט מוֹהֲרָא"שׁ צוּ זֵיי פוּן צַדִּיקִים פוּן זֵייעֶר אָפְּשְׁטַאם, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זַיין נְקוּדָה אָן קַיין שׁוּם פַּחַד.

דֶער חָתָנ'ס זֵיידֶע רֶבִּי אַבְרָהָם חַיִּים פָארְקָאשׁ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ קוּמֶען, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט זַיינֶע חִידּוּשִׁים. מִן הַסְּתָם קֶענְסְטוּ דֶעם אִיד, וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם אִיד דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן אַ דִּיבּוּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט אִינְמִיטְן טַאנְצְן חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת בַּיים רֶבִּינְ'ס יָארְצַייט: "**קוּק אָן דֶעם אִיד, דָאס דַארְף מֶען קֶענֶען**".

עֶר פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִינְמִיטְן דֶעם רִינְג טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע, אַ פְרֵיילִיכֶע טַאנְץ; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר: "דוּ זֶעסְט דֶעם אִיד?" בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן מִיט אַזַא שִׂמְחָה, - "דָאס דַארְף מֶען קֶענֶען"; וֶוען עֶס גֵייט גוּט, אַלְץ גֵייט כְּסֵדֶר, אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל – דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז דָאךְ יֶעדֶער פְרֵיילִיךְ, עֶס גֵייט דָאךְ גוּט, נָאר וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן – דָאס אִיז אַ קוּנְץ.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ וַואכְטְנַאכְט פוּן אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, יַעֲקֹב הִלֵּל נֵרוֹ יָאִיר, אַ זוּן פוּנֶעם מְחוּתָּן, בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטוּב. זַיין שְׁוֶוער אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בֶּן אַחַר בֶּן, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זֶרַע קוֹדֶשׁ. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעווִיזְן דֶעם שְׁטִיקְל זֶרַע קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וָאֵרָא (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כוּ'), אַ שְׁטִיקְל וָואס אִיז וָוארְט בַּיי וָוארְט פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, עֶר פְרֶעגְט, מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם, אַז דֶער **דִיבּוּר** אִיז גֶעוֶוען אִין **גָלוּת**. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי פַּרְעֹה, **פַּרְעֹה** אִיז דִי אוֹתִיּוֹת **פֶּה רַע**, נָאכְדֶעם אִיז גֶעוָוארְן **פֶּסַח - פֶּה**



סעודת ברית צוזאמען מיט שבע ברכות

סָח; וֶוען מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן דִי מוֹיל רֶעדְנְדִיג, לִכְאוֹרָה זֶעט מֶען אִין דִי תּוֹרָה, עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ב, כג): **"וַיִּזְעָקוּ, וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה"**, זֶעט מֶען דָאךְ אַז מֶען הָאט יָא גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! זָאגְט עֶר מַמָשׁ דִי וֶוערְטֶער וָואס מִיר הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, זַיין מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט אוּן פַארְשְׁלָאסְן, עֶר אִיז בַּיי פַּרְעֹה אִין מִצְרַיִם, זָאל עֶר פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן אַ תְּפִלָּה, עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען, אִיךְ וִויל דִיר דִינֶען, הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער"**; טַייטְשְׁט עֶר, דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט, זֵייעֶר דִיבּוּר אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַיִּזְעֲקוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: **"מִיר וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת!"**

דִינְסְטָאג אִיז גֶעוֶוען דִי בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס דַארְפְן שִׁידוּכִים, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען אַזַא רַחְמָנוּת. גֶעדֶענְקְסְט אַוַדאי וִוי שְׁוֶוער דִיר אִיז גֶעוֶוען בִּיז דַיין שִׁידוּךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען... אִיךְ וִויל דִיר טַאקֶע זָאגְן, יֶעצְט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מַסֶכֶת מְגִילָה (דַף יד.): **"גְּדוֹלָה הֲסָרַת טַבַּעַת יוֹתֵר מִמ"ח נְבִיאִים"**, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְ'ן פָארְלֶערְנֶען דַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַלְס בָּחוּר, **"שֶׁכֻּלָּן לֹא הֶחְזִירוּם לַמּוּטָב"**, אַלֶע מַגִידֵי שִׁיעוּרִים פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם בָּחוּר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, דֶער בָּחוּר וִויל מַאכְן דֶעם הֲסָרַת טַבַּעַת, עֶר וִויל נֶעמֶען דֶעם רִינְגְל אוּן גֶעבְּן פַאר זַיין כַּלָה, **"וְאֵלוּ הֲסָרַת טַבַּעַת הֶחְזִירָתָן לְמוּטָב"**, דָאס טוּט מֶער אוֹיף וִוי אַלֶע מוּסָר וֶוערְטֶער, דִי בָּחוּרִים הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי חִיזוּק.

אִינְמִיטְן דִי בְּרִית אִיז דֶער חָתָן נְתַנְאֵל מִיט דִי כַּלָה אָנְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט גֶעמַאכְט בַּיים סְעוּדַת בְּרִית שֶׁבַע בְּרָכוֹת. אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז דֶער חָתָן גֵייט קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט מַיין שְׁטְרַיימְל, אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן מִיט מַיין הוּט בַּיי דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

בַּיי דִי סְעוּדַת בְּרִית הָאבְּן זַיינֶע שְׁוָואגֶערְס גֶעזִינְגֶען שֵׁיינֶע בָּאבּוּב'עֶר נִיגוּנִים, יוֹם לְיַבָּשָׁה, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען אַרְבָּעָה נִקְרְאוּ נַחֲלָה; זֵייעֶר שֵׁיינֶע נִיגוּנִים. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַבִּיסְל דִבְרֵי תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

אֲפִילוּ דוּרְכְאוֹיס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת טֶעג אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה יוֹם יוֹם, אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט אַפָּאר פְּרָקִים רַמְבַּ"ם, הִלְכוֹת קָרְבַּן פֶּסַח.

נָאכְמִיטָאג אִיז גֶעוֶוען דֶער טֶעגְלִיכֶער שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ סוֹד, וָואס אֲפִילוּ מֶען זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד – בְּלַייבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ אַ סוֹד"; מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת אוּן הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה' מִיט דִי בְּרִיוו פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", "אֲשֶׁר בַּנַחַל", - דָאךְ וִוילְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אִידֶענְטִיפִיצִירְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, זֵיי בְּלַייבְּן בַּיי זֵייעֶר טוֹיטֶע רֶבִּי.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אֵיינֶער וָואס זָאגְט מִיר: "מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, מַיין אִידִישְׁקֵייט, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת – אַלֶעס אִיז פוּן רֶבִּי'ן", זַייט עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דִי שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ בַּיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס לֶעבְּן. עֶר זָאגְט מִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זַיין שַׁדְכָן, אִיךְ קוּק אִים אָן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, 'אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַיין שַׁדְכָן? אִיךְ קֶען דִיר אֲפִילוּ נִישְׁט!' זָאגְט עֶר מִיר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר נִישְׁט אָבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ בַּיי מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, עֶר זָאגְט מִיר: "זֶעסְט מֶען תְּפִילִין בַּייטְל? דָא דַארְף שְׁטֵיין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס נָאמֶען; אִיךְ פְּלֶעג נִישְׁט לֵייגְן תְּפִילִין"; אִיךְ קוּק אִים אָן, אִיךְ טְרַאכְט 'וָואס רֶעדְט עֶר? עֶר זֶעט אוֹיס וִוי אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ'. עֶר זָאגְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער, אִיךְ זוּךְ אַ שִׁידוּךְ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר וואוּנְטְשְׁן", זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער בָּחוּר, אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה", זָאגְט עֶר מִיר, נָא, אִיךְ קֶען

נִישְׁט נֶעמֶען פוּן יְשִׁיבָה, פְּרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס? דַיין וַוייבּ אִיז דִי מְנִיעָה?" זָאגְט עֶר: "נֵיין, מַיין וַוייבּ שְׁטוּפְּט מִיר אִיךְ זָאל נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זִי זֶעט וִוי שֵׁיין אִיךְ רֶעדְט צוּ אִיר, זַייט אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אַ גַן עֵדֶן, זִי וִויל נָאר אַ בָּחוּר פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה".

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶע'טַעֲנָה'עֶט, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמֵייכְלְט. אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, 'וָואס אִיז פְּשַׁט? דֶער אִיד זָאגְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִלִּין, יֶעצְט נָאכְן הֶערְן דְרָשׁוֹת פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער לֵייגְט עֶר תְּפִלִּין, פַארְוָואס וִויל עֶר נִישְׁט נֶעמֶען אַן אֵיידֶעם וָואס וֶועט לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ זַיין טָאכְטֶער? אֶלָּא מַאי, **אִיךְ בִּין אַ סוֹד, וָואס אֲפִילוּ מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם סוֹד בְּלַייבּ אִיךְ אַ סוֹד**'.

דִינְסְטָאג נַאכְט הָאט מַיין שְׁוֶוער גֶעמַאכְט שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין וֵוייטְצֶענֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ, דֶער מְחוּתָּן ר' יוֹאֵל הָאט זֵייעֶר שֵׁיין גֶערֶעדְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) בְּמַעֲרָבָא, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען גֶעפְּרֶעגְט אַ חָתָן, **מָצָא אָדֶער מוֹצָא**, הָאסְט גוּט גֶעטְרָאפְן אָדֶער הָאסְט גֶעטְרָאפְן דֶעם טוֹיט? פְּרֶעגְט עֶר, וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט מִיט דִי פְּרַאגֶע?

לָאמִיר זָאגְן דֶער חָתָן הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, בַּיי אִים אִיז מַר מִמָּוֶת, בִּיטֶערֶער וִוי טוֹיט, נוּ וָואס וִוילְסְטוּ פוּן אִים? וִוילְסְט טְשֶׁעפֶּען?! וָואס אִיז דִי כַּוָונָה פוּן דִי חֲכָמִים צוּ פְּרֶעגְן מָצָא אוֹ מוֹצָא? נָאר עַל פִּי הַקְדָמוֹת רַבֵּינוּ ז"ל אִיז דָאךְ מַשְׁמַע אַז אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִינֶעם מַאן, דֶער וָואס זָאגְט מָצָא טוֹב, אוּן דֶער וָואס זָאגְט **מוֹצָא אֲנִי מַר מִמָּוֶת** - דָאס אִיז נִישְׁט פוּן אִיר זַייט, דָאס וַוייזְט וֶוער אִיז תָּלוּי אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אֱמוּנָה אִין דִיר, דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, הַכֹּל לַכֹּל עֶצֶם עַצְמִיוּת חַיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ; דִי וַוייבּ, דִי דְזְשַׁאבּ, דִי הוֹיז, דִי דִירָה, דִי קִינְדֶער, שְׁכֵנִים, מִשְׁפָּחָה,

**דִי קוּנְץ אִיז וֶוען אַלֶע רֶעדְן אוֹיף מִיר, אַלֶע שְׁפֶּעטְן, אַלֶע זֶענֶען מְבַזֶה - בְּלַייבּ אִיךְ אַ גֶעטְרֵייעֶר עֶבֶד צוּם בַּאשֶׁעפֶער.**


ביים שידוך שליסן

דֶער מֶענְטְשׁ אִיז; דֶער וָואס זָאגְט וֶוען מֶען פְּרֶעגְט אִים וִוי אַזוֹי גֵייט דַיין שָׁלוֹם בַּיִת? זָאגְט עֶר שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב**, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר – דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער אַז מֶען פְּרֶעגְט אֵיינֶעם וִוי אַזוֹי גֵייט דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר זָאגְט זִי אִיז מִיר בִּיטֶערֶער פוּן טוֹיט, אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים לֶערְנֶען עֶר זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס

אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט מַר מִמָּוֶת; דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט.

מִיטְוָואךְ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר בִּלְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נֵייעֶס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי נֵייעֶס, צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי נֵייעֶס אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָן אַרַיינְגֵיין אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט, דָאס הָאט מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת, עֶר אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אוּנְז, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן רֶבִּי'ן, דִי חֵלֶק הַהִתְחַזְקוּת.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַוַודַאי וָואס טוּט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן, **דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶ מִצְוָה**, קוֹדֶם הָאבְּן זֵיי גֶע'רוֹדְפְ'ט מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע רְדִיפוֹת, הַיינְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶ צִיל, זֵיי רוֹדְפְ'ן אַ צְוֵוייטְן רָב, אַ מַשְׁפִּיעַ. דַיין זֵיידֶע אִיז דָאךְ אוֹיךְ פוּן דִי גְרוֹיסֶע לוֹחֲמִים. עֶס אִיז אַזוֹי עֶקְלְדִיג צוּ זֶען אִין בְּרֶסְלֶב, אִידְן וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף יֶעדֶע נַאכְט זָאגְן חֲצוֹת אוּן זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וְכוּ' וְכוּ', זָאלְן זִיךְ אַזוֹי נַארְן, זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט לוֹחֵם זַיין, רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע; אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן תַּכְלִית, פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, רֶעדְן פוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַרַיינְצוּכַאפְּן נָאךְ גוּטְס אוּן נָאךְ גוּטְס, אִיז מֶען פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט

מַעֲשִׂיּוֹת, לָשׁוֹן הָרָע וְהוֹצָאַת שֵׁם רַע.

דָא קֶענְסְטוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבּט, וָוער עֶס הָאט דִי חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן – דֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט דָאס לֶעבְּן, דֶער גֵייט וַוייטֶער אַן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דֶער וָואס הָאט נִישְׁט דִי חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן, דֶער פַארְלִירְט זִיךְ, אוּן אַז מֶען בַּאשְׁמוּצְט אִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים – שִׁיסְט עֶר זִיךְ, אָדֶער הֶענְגְט עֶר זִיךְ.

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט פַאסְטְן מִשַּׁבָּת לַשַּׁבָּת, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים, מֶען הָאט אִים גֶעגְרוּסְט: "גוּט שַׁבָּת!"

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ בַּלְמוּס, עֶס אִיז אִים שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר גֵייט חַלֶּשְׁ'ן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואשְׁן אוּן גֶענוּמֶען פוּן דִי מַצָּה פוּן דִי עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דֶער מְשַׁמֵּשׁ הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'דֶער אִיד פַאפְּט אָפּ אַלֶעמֶען, עֶר זָאגְט אַז עֶר פַאסְט, יֶעצְט זֶע אִיךְ עֶר אִיז אַ גַּנָּב, עֶר גַּנְבְ'עט דִי מַצָּה פוּן שְׁטָאט!' אָן צוּ גֵיין פְרֶעגְן דֶעם אִיד וָואס גֵייט פָאר, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן קוֹלוֹת: "גַּנָּב! פַאפֶּער!!!" וָוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט דֶער מְשַׁמֵּשׁ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט יֶענֶעם זֵייעֶר מְבַזֶּה גֶעוֶוען. יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אוּנְזֶער הִתְחַזְּקוּת, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יְרַחֵם.

וָוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד, אַ שָׁאד; וָוען עֶר וָואלְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וָואלְט עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה"; עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קוּנְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָוען אַלֶע גֶעבְּן כָּבוֹד, וָוען אַלֶעס גֵייט גוּט, דִי קוּנְץ אִיז וָוען אַלֶע רֶעדְן אוֹיף מִיר, אַלֶע שֶׁפֶּעטְן, אַלֶע זֶענֶען מְבַזֶּה – בְּלַייבּ אִיךְ אַ גֶעטְרֵייעֶר עֶבֶד צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס זֶעט מֶען יֶעצְט בַּיי דִי שׁוֹידֶערְלִיכֶע נַייעֶס, מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ אַזוֹי פַארְלִירְן אוּן זִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים וָואס הָאבְּן דִי חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט'ן זֶעלְבְּן בְּרֶען.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זֵיידֶע וָואס פִירְט אַ מִלְחָמָה מִיט הָרַב ... זָאלְסְטוּ ווִיסְן, מוֹהֲרַ"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט, דִי זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט וְכוּ' - אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין קִרְיַת יוֹאֵל בַּיים זֵיידְן ר' אַבְרָהָם חַיִּים אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ בֵּית נְתַנְאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַבִּיסְל פוּנֶעם זֵיידְן רֶבִּי נְתַנְאֵל פַארְקַאשׁ. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, יֶעצְט בַּיים דֶעם שִׁידּוּךְ אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, וָועם אִיךְ זָאג אִיךְ הָאבּ אַ שִׁידּוּךְ גֶעטוּן, דֶער חָתָן'ס נָאמֶען אִיז נְתַנְאֵל פַארְקַאשׁ, זָאגְן זֵיי, אָהָ! נְתַנְאֵל פַארְקַאשׁ... יֶעדֶער אֵיינֶער, אֵיינְס בַּיי אֵיינְס ווַייסְט פוּן דֶעם אִיד ר' נְתַנְאֵל פַארְקַאשׁ, מֶען זֶעט וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, א): "**טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב**", אַ גוּטֶע נָאמֶען גֵייט אַזוֹי ווַייט אוּן פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

פוּן קִרְיַת יוֹאֵל בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קֵיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבַּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת, בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט, נָאכְמִיטָאג אִיז מִיר בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט גְּמָרָא פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה, **מִנְחָה מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט אִין שְׁטֶעטְל; עֶס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע פְּלַאץ**, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען מֶער אוּן מֶער צוּ מַיינֶע כֹּחוֹת.

בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין קִרְיַת יוֹאֵל בַּיים מְחוּתָּן אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע שֵׁיינֶע שֶׁבַע בְּרָכוֹת, מֶען הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן רֶבִּי'ן, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ שְׁמוּעֶס בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאבּ מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי מְפִיצִים זֵיי זָאלְן פוּן פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן הַפָּצָה, אַז **יֶעצְט אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי נַייעֶס, אַ אִיד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן, דֶער אִיד קוּמְט פוּן קִרְיַת יוֹאֵל - דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הַפָּצָה.**

אֵיינֶער, אַ שָׁכֵן, הָאט אַרַיינְגֶעשְׁרִיגְן: "וָואס הָאט דָאס מִיט קִרְיַת יוֹאֵל? וָואס אִיז קִרְיַת יוֹאֵל שׁוּלְדִיג?" יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעקָאכְט, אִיךְ הָאבּ אִים





גֶעזָאגְט, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף קִרְיַת יוֹאֵל, דֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת יוֹאֵל אִיז אַ הֶערְלִיכֶע שְׁטָאט, אַן עִיר וָאֵם בְּיִשְׂרָאֵל, **אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין דִי מֵפִיצִים פוּן קִרְיַת יוֹאֵל זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין מֶער אִין הֲפָצָה, אַז אַזַא זַאךְ זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן.**

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעהֶערְט פוּן הַמֵּפִיץ, הָאַבְרֵךְ הִלֵּל וֵוייס נֵרוֹ יָאִיר, אַן אֵיידֶעם פוּן מַיין מְחוּתָּן ר׳ יוֹאֵל טֵייטְלְבּוֹים נֵרוֹ יָאִיר, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט, עֶר גֶעבְּט יֶעדֶע וָואךְ פַּאר אַ אִיד דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דֶער אִיד אִיז אַ קִרְיַת יוֹאֵל׳עֶר אַיינְוואוֹינֶער, דֶער אִיד אִיז אַ נָאנְטֶער חַבֵר מִיט דֶעם אִיד וָואס הָאט זִיךְ יֶעצְט גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן, בֵּיידֶע זֶענֶען עֶלְנְדֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעצְט אִיז דֶער אִיד גֶעוֶוען אַפָּאר טֶעג אִין שְׁטוּבּ, הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט אוֹיף אִים, אֶפְשָׁר הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ גֶע׳הַרְגֶ׳עט רַחֲמָנָא לִצְלָן, רוּפְט עֶר אָן דֶעם מֵפִיץ אוּן זָאגְט: ״מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר צִי אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ גֶענוּמֶען דָאס לֶעבְּן אַזוֹי וִוי מַיין חַבֵר, אִיךְ נֶעם זִיךְ נִישְׁט דָאס לֶעבְּן, **אִיךְ הָאבּ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, מִיר אִיז גוּט, מִיר אִיז פַיין,** אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן מִיר נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ וִויל״.

הֶערְסְט וֶוערְטֶער? **אִיךְ הָאף דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ גֵיין הֲפָצָה;** אִין מַאנְטְשֶׁעסְטֶער בִּיסְטוּ דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֵפִיץ, אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְצִינְדְן מַאנְטְשֶׁעסְטֶער, זַיי אַלֶע מְקַרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דִי אֱמוּנָה.

אַ שָׁאד מֶען הָאט דָאס נִישְׁט אָפְּגֶעכַאפְּט, עֶס אִיז גֶעוֶוען גוּטֶע הִתְחַזְקוּת, דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער.

שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִיז גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי; מַיינֶע עֶלְטֶערְן, טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה, אוֹיךְ בְּרוּדֶערס אוּן שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען. **אִיךְ מוּז אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען לְשֶׁבַח פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, מֶען הָאט אוּנְז זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען דִי גֶעסְט,** אוֹיךְ הָאבְּן דִי מִשְׁפָּחוֹת גֶעהָאלְפְן מִיט דִי סְעוּדָה, אֵיינֶער הָאט גֶעמַאכְט לָאקְשְׁן, אַ צְוֵוייטֶער קִישְׁקֶע, אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעשִׁיקְט קוּגְל מִיט קֶעיק.



ריקודין ביי שלש סעודות אין שטעטל

אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ פָארְן מִיטְהַאלְטְן דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה, קַבָּלַת שַׁבָּת הָאט גֶעדַאוֶונְט מַיין שְׁוָואגֶער, מַיין שְׁוֶוערְ׳ס זוּן, דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן אִין שׁוּל אוּנְטֶער מַיין דִירָה, נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ מִיט פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה, דֶער מְחוּתָּן ר׳ יוֹאֵל נֵרוֹ יָאִיר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין זֵיידֶע ר׳ נְתַנְאֵל עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַלְס בָּחוּר קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַנְדֶערֶע וָואס דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען קוּנְטְרֵסִים פוּן ר׳ נְתַנְאֵל.

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ״א הָאט גֶערֶעדְט, בְּתוֹךְ הַדְבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין מְשַׂמֵּחַ זַיין חָתָן וְכַלָּה אִין בְּרֶסְלֶב, דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר הָאבְּן דָאךְ שְׁטֶענְדִיג אַ מִצְוָה פוּן רֶבִּי׳ן, מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, עֶס אִיז גָאר פַארְקֶערְט, דַיְקָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, זֵיי קֶען מֶען נָאכְמֶער פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אוֹיךְ הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א גֶערֶעדְט, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת בֹּא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן תּוֹרָה, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוֹת יב, כז): **״אֲשֶׁר פָּתַח עַל בָּתֵּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל״**, לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין ״מֵעַל בָּתֵּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל״, נָאר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶס אִיז פוּל מִיט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶּער וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִידִישֶׁע הוֹיז אִיז עֶר כִּבְיָכוֹל גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: **״דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד!״** וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט **״עַל בָּתֵּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל״**, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן טִישׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: ״דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד!״ אִינְמִיטְן רֶעדְן אִיז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א צֶעקָאכְט גֶעוָוארְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: ״דָא וואוֹינְט אַ אִיד!״.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא מִיט יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער



הבדלה מוצאי שבת אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט״א

זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ שִׁיעוּר יָארְן צוּרִיק וְוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, מִיר הָאבְּן דֶעמָאלְט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דֶעם זוֹהַר, כִּמְעַט דֶעם גַאנְצְן זוֹהַר, יֶעצְט פְּרוּבִּיר אִיךְ מַשְׁלִים צוּ זַיין דִי פָּאר פַּרְשִׁיוֹת וָואס מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט. עֶס אִיז אַזוֹי זִיס צוּ לֶערְנֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי זוֹהַר, עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע זוֹהַר שַׁבָּת, אוּן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז דָאס גָאר אַנְדֶערְשׁ.

מַיין טַאטֶע הָאט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת הַתּוֹרָה.

נָאכְן דַאוֶוענֶען בֵּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א צוּם שְׁטוּבּ פוּן אוּנְזֶער נֵייעֶר דַיָּין, מַיין טַאטֶע אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען קִידוּשׁ מַאכְן לְחַזֵּק תּוֹרָה, מְחַזֵּק זַיין דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ״א מִיט זַיין בְּנֵי בַּיִת תִּחְיֶ׳. דִי שֵׁיינֶע מִדָּה הָאט מַיין טַאטֶע גֶעלֶערְנְט פוּן זַיין טַאטֶע, מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי גָאלְדֶענֶע מִדָּה, וְוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַ צוּרְבָא מֵרַבָּנָן הָאט עֶר אִים כָּבוֹד גֶעגֶעבְּן אוּן אִים אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶר אַסַאךְ רַבָּנִים, דַיָּנִים.

שַׁבָּת מִיטָאג סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען אִין שׁוּל.

נָאךְ דִי סְעוּדָה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ אוּן מַיין ווַייבּ תִּחְיֶ׳, מַיין מַאמֶע הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי פְּלַאץ, זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט ווִי אַלֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן אִיר זֵייעֶר שֵׁיין בַּאגְרִיסְט, אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, **זִי זָאגְט מִיר עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען אַ פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ**, זִי פְרֶעגְט מִיר ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן, קֵיינֶער וויל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין? אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט, **דֶער כֹּחַ אִיז פוּן רֶבִּי'ן**, דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי מְחַזֵּק, אַזוֹי מְשַׂמֵּחַ; אַלֶע דָא אִין שְׁטֶעטֶל לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דֶערִיבֶּער אִיז יֶעדֶער פְרֵיילִיךְ.

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, פְרוֹיעֶן הָאבְּן אִיר גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס ווֶעלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי ווֶועלְט, הָאט זִי זֵיי גֶעזָאגְט עֶס ווֶענְדְט זִיךְ וָואס מֶען וויל, וָואס אִיז דִי שְׁטְרֶעבְּן פוּן דִי מַאמֶע, אוֹיבּ דִי מַאמֶע וויל קִינְדֶער צַדִּיקִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, אֵיי ווֶעסְטוּ פְרֶעגְן, ווֶער וויל דֶען נִישְׁט קִינְדֶער צַדִּיקִים? זָאגְט זִי מִיר, אַלֶע פְרוֹיעֶן, אַלֶע מַאמֶעס ווִילְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אָבֶּער זֵיי ווִילְן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן, זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ אַגֶענְדֶעס וְכוּ׳, **אַ פְרוֹי וָואס וויל נָאר דִי אֵיין זַאךְ, אִיר לֶעבְּן אִיז קִינְדֶער צַדִּיקִים**, אִיר לֶעבְּן אִיז קִינְדֶער וָואס ווֶעלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם.

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א הָאט גֶערֶעדְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דִי קְהִילָּה גֶעמַאכְט שֶׁבַע בְּרָכוֹת, עֶס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אִינֶעם חֵדֶר בִּנְיָן. בַּיים זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, דִי מַעֲשֶׂה פוּן "אִישׁ חָסִיד הָיָ״", אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען אִים הֶעלְפְן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַ בִּנְיָן פוּן הִימְל, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, דֶער חֵדֶר בִּנְיָן אִיז מַמָּשׁ אַזַא מַעֲשֶׂה, ווען מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שְׁטֶעטֶל, מִיר הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְויסְט וָואס צוּ טוּן, מִיר הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דֶעם בִּנְיָן, מַמָּשׁ אַ נֵס פוּן הִימְל.**

עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטֶל; בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעטְרָאפְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן שְׁטֶעטֶל, דֶער שְׁטֶעטֶל אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּוַואקְסְן, מִיר הָאבְּן הַיינְט שׁוֹין פִיר בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, דֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת בֹּא הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט נָאךְ אַ שׁוּל אוֹיף מַארְקְס, עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיס זִיךְ צוּ זֶען שַׁבָּת, מוֹצָאֵי שַׁבָּת זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען, אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְסִי אוּן אֲפִילוּ פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט דֶעם רֶבִּינְ'ס ווֶערְטֶער. בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט, אוּן דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אִיז גֶעוֶוען מִיט אַן אֵיינְגֶעהַאלְטְנְקֵייט צוּלִיבּ מִשְׁפָּחָה, בַּיים מְלַוֶּה מַלְכָּה זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע אַהֵיים גֶעפָארְן הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**דער חתן האט מסיים געווען ש"ס,** דאס איז אין היכל הקודש בכלל נישט קיין אויפטו, עס איז פון די זאכן וואס יעדער בר מצוה בחור, יעדער אינגל – טוט, ביי די וועלט איז דאס אזא ווייטע זאך, מען קוקט אויפ'ן ש"ס מיט יאוש, ווי על מנת שתעלה לרקיע, מיר האבן גערעדט פון התבודדות ותפלה.

מיר האבן גערעדט פון שלום בית, איך האב נאכאמאל איבערגע'חזר'ט די תקנות פון שטעטל, איין תקנה האבן מיר געמאכט, מען דארף האבן שלום בית, אז מען האט שלום בית וועט מען שוין ממילא זיין אן ערליכער איד, מען וועט זיך נישט דרייען ביינאכט אינדרויסן פון שטוב, מען וועט אלעס האבן.

די שלעכטע מחשבה וואס כאפט זיך אריין אין א מענטש 'גט זיך', 'גט זיך וועסטו נישט ליידן'; די מחשבות זענען פון די קליפות, שדים ורוחות רעות; א איד טאר נישט אזוי טראכטן. איך האב דערציילט מעשיות פון אינגעלייט וואס האבן נישט געוואלט פאלגן, זיי האבן גע'טענה'ט: "איך בין מחויב צו ליידן א גאנץ לעבן וועגן די שלעכטע פרוי?!" איך האב זיך געבעטן ביי זיי, גט זיך נישט, בעט דעם אייבערשטן זאלסט נישט ליידן, אויב מען גט זיך ווערט נישט גרינגער, עס ווערט נאר שווערער דאס לעבן, היינט צו טאגס וויינען זיי, אלע זאגן מיר זיי זענען נישט גערעכט געווען, יעצט ליידן זיי נעבעך אן א שיעור.

טייערער ... נרו יאיר, וואס זאל איך דיר זאגן, די אלע מחשבות 'מיין ווייב איז אזוי, זי איז אזי', 'יענער האט בעסער חתונה געהאט וכו' וכו'", דאס איז פונעם יצר הרע, ער מישט דעם מענטש, ער מאכט פון רע – טוב, און פון טוב – רע, אז עס קומען אריין די סארט מחשבות דארף מען גיין אין א זייט וויינען צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך די ווערטער: "רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר, איך ווייס נישט וואס האט פאסירט מיט מיר, איך בין נישט צופרידן פון מיין ווייב, איך טראכט נארישע מחשבות פון זיך גט'ן, איך טראכט נאר שלעכטס אויף איר, באשעפער וואס איז געשען מיט מיר? איך בין נישט געווען אזוי, פארוואס בין איך אזא כפוי טובה? דו האסט מיר געגעבן די ווייב מיט די קינדער, פארוואס זאל איך טראכטן מחשבות פון זיך גט'ן? רבונו של עולם וואו איז מיין שכל? וואו בין איך אויף די וועלט?! אלעס איז ווייל איך היט נישט מיינע אויגן, איך קוק אויף פרעמדע, איך היט נישט מיין מח מחשבה, דאס מאכט מיך בעצבות, עסווארפט מיך אראפ אין מרה שחורה, איך ווער נערוועז פון מיין ווייב, העלף מיר איך זאל היטן מיינע אויגן, איך זאל זען אין מיין ווייב וואס איך דמיון אין אנדערע"; דאס איז די עצה, תפלה והתבודדות.

די וואך זענען מיר מסיים מסכת מגילה, מיר הייבן אן מסכת מועד קטן. מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט געשריבן טויזנטער בריוו פאר אנשי שלומינו מען זאל לערנען יעדן טאג גמרא. גמרא פארברענט די קליפות, עס ברענגט דעם מענטש נאנט צום אייבערשטן. איך האב געמאכט אן אפיעל ביים שבע ברכות, איך האב אפעלירט צו אנשי שלומינו זאלן אנהייבן לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא.

איך בין געווען זייער אפגעשוואכט פאר'ן רעדן, איך האב געהיסט, איך האב געהאט א שוואכע קול, שפעטער



שבע ברכות אין בנין תלמוד תורה מוצאי שבת

ביים טאנצן איז מיר בעסער געווארן, וואס א מינוט מער איך האב געטאנצן – איז מיר געווארן בעסער און בעסער, ממש אזוי ווי דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כד) **שמחה איז א רפואה פאר אלע קראנקהייטן.**

עס איז אריינגעקומען א בחור אין ישיבה, יצחק ליכטנשטיין נרו יאיר, איך ווייס נישט צי דו קענסט אים, ער איז געווען ראש השנה אין אומאן, אבער דו ביסט נישט געווען די יאר ביי אונז אין בנין, איך האב געשיקט דיין ברודער זאל דיך רופן, למעשה האסטו געהאט עפעס מניעות וכו'.

דער בחור האט מיך געטראגן צום מלוה מלכה און אהיים גענומען, א גאנצע וועג האב איך געבעטן פאר אים ער זאל טרעפן א שידוך.

איך דארף שוין ענדיגן שרייבן.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**



## ר' משה ארי' שניצלער הי"ו פארציילט

**כ"ג אלול א וואך פאר ראש השנה
איז די גרויסע אמעריקע געקומען
צו א גענצליכע אפשטעל ווען דאס
לאנד איז גאר ווייטאגליך געטראפן
געווארן דורך טעראריסטישע
אטאקעס וואס איז געבליבן באקאנט
אלס "ניין עלעוון".
די ברסלב'ער חסידים אין אמעריקע
זיך דערזען אין א לאנד וואו קיין
איין איינציגער פליגער איז נישט
ערלויבט זיך צו הייבן ניטאמאל א
טפח פון דער ערד.
די ברענענדיגע שאלה איז יעצט: ווי
דערזעט מען זיך אויף עפעס א וועג
צום הייליגן רבינ'ס ציון?**


סעפטעמבער
עלעווען
ווי אזוי קום איך
אן קיין אמאן?

### די גרויזאמע אטאקעס אויף אמעריקע

דינסטאג פרשת נצבים כ"ג אלול תשס"א 8:02, א וואך פאר ראש השנה. די באס קיין מאנהעטן כאפט אריין דעם געל'ן לייט אויף לי עוועניו קארנער פען, יא, דער געניטער דרייווער האט עספיעט צו מאכן דעם רעכטס פאר ס'איז געווארן רויט, און צו דער זעלבער צייט, אזוי ספאנטאן אינמיטן דעם דריי, מאכט זיך אויף די אלטע סקול-באס טיר און עס שפאצירן ארויף אויפ'ן באס א צוויי צענדליגער אידן וואס רוב פון זיי דארפן אנקומען צו פארטי-סעווען סטריט וואו ס'איז דעמאלט געווען גאר אסאך אידישע דיימאנד סוחרים, איך האב דעמאלט געארבעט אין א קעמרע סטאר אויף 20'סטריט ביי זעקסטע עוועניו, איך פלעג נעמען דעם 8:02 באס יעדן טאג ביי לי און פען.

ווי דער באס פארט אזוי אויפ'ן וויליאמסבורג בריק האב איך געכאפט א דרימל, ווען פלוצלונג, אזוי ווי דער באס קומט אראפ פונעם בריק אויף דילענסי סטריט, נאך זייענדיג האלבוועגס אין מיין דרימל הער איך ווי איינער רופט זיך אן הויך (איך געדענק ווער, ער וואינט אויף ראטלידש סטריט, נישט ווייט פון בעדפארד עוועניו) "קוק א עראפלאן פארט אזוי נידעריג!"

**איך הער א מעכטיגן זעץ, און אלע פייגלעך פון דער ערד הייבן זיך פון שרעק, פלוצלונג זעה איך די טווין טאוער און מ'זעט די ארענדזשע "פייער באל" וואס איז געווען די אויפרייס פון די ערשטע פליגער.**

א סעקונדע שפעטער האט זיך געהערט א מעכטיגער זעץ, אזש אלע פייגלעך פון דער ערד האבן זיך אויפגעהויבן פון שרעק, פלוצלונג זע איך די טווין טאוער און מ'זעט די ארענדזשע "פייער באל" וואס איז געווען די אויפרייס פון די ערשטע פליגער אום 8:46.

דער באס פארט ווייטער, אבער אזוי ווי ער הייבט אן ארויף פארן אויף זעקסטע עוועניו זענען שוין רוב קארס געשטאנען ביי די זייט מיט אנגעצינדענע ראדיא'ס צו הערן די באריכטן פון די נייעס, ארום יעדע קאר זענען געשטאנען אסאך מענטשן און אויסגעהערט די ראדיא, מענטשן האבן נישט געקענט גלייבן וואס האט פאסירט, א פליגער אריין אין א בילדינג?! נאך דערצו אין די טווין טאוער?!

מענטשן האבן געקוקט אויף די צווילינג טורעמס אזוי ווי אויף די שטאלצ'סטע זאך וואס קען זיין, פלוצלונג אזא אומגלויבליכע פאסירונג (דאס איז בלויז די טראגעדיע פון די טווין טאוער, אן קיין שום טעראריזם, ביים ערשטן קראך האט קיינער נישט גע'חלומ'ט אז די רעדע איז פון א טעראריסטישע אטאקע) .


די טווין טאַוערס ברענט

איך קום אן צו די צוואנציג'סטע גאס, איך גיי אריין אין ארבעט, אין די קעמרע סטאר, מ'גלייבט נישט וואס מ'הערט, נאך א פליגער איז אריין אין די צווייטע טווין טאוער, מ'קען

זיך פשוט נישט גלייבן וואס מ'הערט! ווי קען געשען אזא זאך! מילא איין עקסידענט, איז אויך גענוג שרעקעדיג, אבער צוויי? ווי קען זיין אזא זאך? ס'איז געווען ממש נישט צו גלייבן, מ'איז ארויס פון די געשעפט צו די ווינקל אויף זעקסטע עוועניו און א פחד א שרעק!

מ'זעט ווי די שטאלץ פון מיליאנען מענטשן האט א לאך ווי א פליגער איז אריין! ווי קען זיין מער א שרעקעדיגע זאך! מענטשן זענען געשטאנען און נישט געקענט אראפנעמען די אויג פון די אומבאהאלפענע געביידע'ס וואס געבן ארויס א רויך אזוי ווי א קוימען! ארום מיר האב איך געזען דא און דארט ווי ערוואקסענע מענטשן וויינען אויפ'ן קול ווי קליינע קינדער פון פארלוירנקייט און אומבאהאלפנקייט "וואס גייט דא פאר?" "צו קומט פאר א וועלט'ס חורבן?"

איך פרוביר צו קלינגען מיין וויב, זי האט געדארפט זיין אין מאנהעטן יענעם טאג, כ'האב געוואלט מאכן זיכער אז זי איז בסדר, אבער מ'האט נישט געקענט דורכקומען אויפ'ן טעלעפאון, די טעלעפאון סערוויס האט נישט געקענט נאכקומען די אומצאליגע טעלעפאון רופן, דאס אליין האט צוגעגעבן צו די אומגעהויערע שרעק און פארלוירנקייט.

דערנאך איז שוין ארויס די נייעס אז מ'רעדט פון א גרויזאמע טעראריסטישע, אטאקע, און קיינער ווייסט נישט וואס ווייטער.

ווען ס'איז שוין געווארן די צייט פון אהיימגיין האט זיך אנגעהויבן א דין ודברים אין געשעפט צו מ'זאל אהיימגיין מיט די באן אדער נישט, מענטשן האבן געזאגט אז ס'איז נישט כדאי צו גיין מיט די באן, ווייל ווען ס'קומט פאר שרעקעדיגע געשעענישן, קען חס ושלום געשען אז עפעס א כוליגאן זאל אטאקירן אידן, וויאזוי דען קען מען אהיימגיין? די אידישע באס איז נישט געפארן, איז געבליבן



דף שיעור פון ר' יוסף שניטצלער הי"ו בן ר' משה ארי' הי"ו בראשית תשפ"א

צוויי ברירות, אדער די באן, אדער גיין מיט די פיס, בערך א שעה, אדער א שעה און א האלב וועג.

גראדע בין איך געווען גרייט צו גיין מיט די באן מיט נאך איינעם, אבער ס'איז נישט געווען נאך איינער וואס זאל וועלן גיין מיט די באן, בין איך אהיים צו פוס צוזאמען מיט דעם בעל הבית פון געשעפט (א טייערער איד - כ'האב אלץ הכרת הטוב צו אים אויף די צייט וואס איך האב דארט געארבעט, ס'איז געווען זייער א געשמאקע פלאץ) .

אזוי גייענדיג צופוס דעם לאנגען וועג, ווי מיר קומען צו גיין אראפ פון די וויליאמסבורג בריק זעען מיר א וואונדערליכן בילד, אפאר טייערע אידן שטייען מיט קעסטלעך וואסער און עסן, און מ'געט צו עסן און צו טרינקען, די פארבייגייענדע גוים האבן נישט געקענט צוריק האלטן זייער שאק, און האבן זיך אויסגעדרוקט מיט וואונדער, ווי קענען מענטשן האבן א קלארע שכל צו טון עפעס פאר א צווייטן אין אזא שרעקעדיגע צייט.

**וואס וועט זיין מיט'ן רבי'נס ראש השנה?**

איך האב געהאט א טיקעט אויף מארגן דאס הייסט מיטוואך, סעפטעמבער 21 צו פארן דורך פינלאנד קיין קיעוו, ראש השנה תשס"ב איז אויסגעקומען דינסטאג און מיטוואך, דאס הייסט מאנטאג נאכט האט געדארפט זיין יום טוב.

גלייך ווען מ'האט זיך דערזען אין א פלייץ פון פארכאפטע, געהיידזשעקטע עראפלאנען דינסטאג צופרי, האט אין גאנצן לאנד געהערשט א טאטאלער כאאס. אין די הויכע רעגירונג אפיסעס האט מען אנגעהויבן טראכטן אז ווער ווייסט וויפיל עראפלאנען די טעראריסטן

פלאנען צו פארכאפן? אז מ'ווייסט שוין פון פיר, אפשר קומט נאך פיר? אפשר נאך צען? אפשר נאך צוואנציג?.

ווען דער זייגער האט געשלאגן 73:9 האט מען שוין געהאלטן נאך דריי איפרייס'ן, צוויי אין די טווין טאווער'ס און איינס אינעם פענטאגאן – די געביידע וואס דארף צו הייסן די געביידע וואס שיצט די פאראייניגטע שטאטן, שטייט יעצט אונטער א קנויל פון רויך עד לב השמים, ממילא, האט די רעגירונג, אום 45:9 אויסגערופן איבער די לענג און ברייט פון אמעריקע א טאטאלער לופט-פארבאט, ווער ס'איז אין די לופט מוז אראפקומען "זאפארט" צום נאנטסטן לופט-פעלד, און פליגערס וואס דארפן זיך הייבן קענען זיך נישט הייבן, ביז ווען? דאס האט מען בכלל נישט געמאלדן, אבער קודם פליט נישט קיינער, ק-ק-י-י-נ-ע-ר-ר, און שפעטער וועט מען זען וואס ווען און וואו.

דאס הייסט אז מארגן, מיטוואך, ווען איך מיט נאך פילע אנשי שלומינו האבן געהאט בדעה צו פארן, איז די טיקעט אין מיין האנט (יא! אמאל איז א טיקעט געווען א פאפירענע טיקעט, נישט א נאמבער אויפ'ן קאמפיוטער) געווען א סאדע דעקל (בלשון חז"ל הייסט עס לצור על פי צלוחיתו).

אבער וואס וועט זיין מיט אומאן? מ'ווייסט נאך גארנישט, די מצב איז זייער כאאטיש, סיי ס'איז נישט דא קיין שום עראפלאן על

**מוהרא"ש זי"ע האט גלייך געזאגט מיט א קלארקייט אז וואס מ'דארף יעצט זען צו טון איז זיך צו זען אריבער'ן אטלאנטיק, זאל זיין וואו ס'זאל זיין, דערנאך, ווען וועט שוין זיין אריבער'ן וואסער, וועט מען פרובירן צו זען וואס מ'טוט ווייטער, דארט, אין אייראפע איז דאך שוין דא נאך וועגן, דורך א קאר, אדער דורך א באן**

פני הרקיע, סיי מ'רעדט נאך פון די שרעקליכע טראגעדיע, עטליכע אידן זענען נעבעך נפטר געווארן, השם ישמרינו, מ'רעדט וואס האט זיך אפגעטון אויפ'ן ארט מיט אזויפיל הצלה מעמבער'ס, ס'איז געווען נעבעך אזויפיל פרטים אין די טראגעדיע אז מ'האט געשמועסט דערפון אן אויפהער.

די עראפלאנען אויפ'ן הימל האבן זיך נישט באוויזן דינסטאג, נישט מיטוואך, נישט דאנערשטאג, נישט פרייטאג, שבת בין איך געווען אין בארא פארק, מיין שוואגער נ"י האט געגעבן קידוש צום געבורט פון א מיידל, אונז זעמיר געווען געלאדנט צו עסן די סעודה ביי מיין שוואגער'ס שווער נ"י.

אינמיטן די סעודה בין איך ארויס פאר אפאר מינוט אינדרויסן מיט מיין זון ר' ישראל יוסף נ"י (היינט מלמד אין קרית ברסלב ליבערטי) ער איז געווען דריי און א האלב יאר, ס'איז געווען א שיינע, הערליכע זומער'דיגע וועטער, און איך שפאציר אזוי מיט מיין זון (דער ראש ישיבה זאגט דאך אז געזונטע קינדער דרייען איבער.... כ'געדענק אז יוסעל'ע איז געווען אביסעלע לעבעדיג אז איך האב אים געדארפט ארויסנעמען אינדרויסן און אים אפירנעמען ער זאל זיך בארויגן א טראפעלע) אזוי ווי איך שפאציר די צוויי דריי מינוט מיט אים זע איך דאס אומגלויבליכע! עראפלאנען אויפ'ן הימל!

די שמחה איז געווען עד אין לשער! לויט וויפיל איך געדענק איז דאס נישט געווען קאמערשל פליגערס נאר מיליטערישע עראפלאנען, אבער דאך איז די שמחה געווען גרויס אז מ'זעט שוין עפעס פליען אויפ'ן הימל.


מען בויעט איבער דעם פענטאגאן נאכ'ן קראך 9/11

מ'האט געשמועסט פאר שבת אז צוביסלעך גייען זיך עפענען די הימלען, אבער די צומישעניש און אומוויסנקייט איז געווען "עד לב השמים"..... ס'איז געווען א מעלדינג פון אונזער עירליין "פינעיר" אז זיי האפן צו פליען מוצאי שבת קודש.

דא קומט די גרויסע "אבער", "אבער" די פלייט איז געווען בערך איין שעה נאכ'ן זמן, אפשר א שעה און א האלב, דאס געדענק איך קלאר אז די אומבא'טעמ'טע מציאות איז געווען אז אויב ער פארט אין די פונקטליכע צייט אן קיין פארשפעטיגונג, איז נישטא אפילו וואס צו טראכטן צו זיין אויף דעם פליגער.

איז איינער געפאלן אויף א עצה אז וויבאלד מיר מוזן מאכן דעם פלייט, זאל זיין וואס זאל זיין, וועט מען ארויספארן צום עירפארט (לופטפעלד) די שנעלסטע וואס מ'קען, און "מ'האפט" אז "מסתמא" וועט זיך מאכן א פארשפעטיגונג און דאדורך וועט מען קענען דערכאפן דעם פלייט, מ'האט טאקע איינגעמאלדן פאר "פינעיר" אז מיר בעטן זיך צו זיין אויף דעם פלייט, און אז מיר וועלן טאקע דארט זיין אין צייט.

### מוהרא"ש פארט אוועק, וואס טוט מען ווייטער?

מוהרא"ש האט דעמאלט געמאכט א קליינע שלש סעודות אונטן, אנשטאט אויבן אין בית המדרש אזוי ווי געווענליך, מ'האט אנגעגרייט אויף גאר א קליינער פארנעם אין די קליינע עס זאל וואו די בחורים פלעגן עסן די סעודות, אז שלש סעודות זאל זיין שנעלער ווי געווענליך, און ביים זמן זאל מען שוין מאכן די שנעלסטע וועג צום עירפארט.

אזוי האט מען טאקע געטון. גלייך נאכ'ן ענדיגן שלש סעודות און מעריב זענען מיר שנעל געפארן צום עירפארט, אנקומענדיג האט זיך אנטפלעקט פאר אונז די טרויעריגע מציאות אז דער פליגער איז שוין לאנג, ל-א-א-א-נ-ג אין די לופט.... וואס טוט מען יעצט?

יעדער האט געווארט צו זען וואס מוהרא"ש גייט טון.

מוהרא"ש זי"ע האט גלייך געזאגט מיט א קלארקייט אז וואס מ'דארף יעצט טון איז די ערשטע זיך זען אריבער'ן אטלאנטיק, זאל זיין וואו ס'זאל זיין, דערנאך, ווען מען וועט שוין זיין אריבער'ן וואסער, וועט מען פרובירן צו זען וואס מ'טוט ווייטער, פון דארט אין אייראפע איז דאך שוין דא נאך וועגן, דורך א קאר, אדער דורך א באן, אבער דא האסטו דאך דעם גרויס'ן אטלאנטיק צווישן דיר און אומאן, מ'האט אנגעהויבן זוכן פאר מוהרא"ש א וועג אריבער דעם וואסער, און מ'האט טאקע געטראפן א וועג, אויב איך געדענק גוט איז עס געווען דורך לאנדאן.

ביי די פליגער וואס מ'האט געטראפן פאר מוהרא"ש איז געווען פלאץ נאר פאר נאך עטליכע מענטשן, בשעת אונזער גרופע אין עירפארט האט געציילט בערך פופציג מענטשן תלמידי מוהרא"ש, מיט נאך

אביסל מענטשן פון חסידי ברסלב וואס האבן אזוי שטארק געוואלט טרעפן עפעס א וועג צום הייליגן רבי'ן.

דער עולם איז געווען אזוי אויסגעהונגערט צו הערן פון א וועג אז פון פארלוירנקייט האט מען געקוקט אין אלע זייטן, אפשר וועט איינער מעלדן אז ער האט געהערט פון עפעס א וועג, טאמער איז איינער געגאנגען צוויי טריט צו נעמען עפעס פון זיין זעקל, איז שוין יעדער געקומען צו לויפן צו הערן אפשר גייט ער צו צום קאונטער קויפן עפעס א טיקעט.......

יעדע שטיק צייט האט א צווייטער גע'דרשן'ט עפעס א עצה וואס מ'זאל טון, און בינתיים לויפט דער עולם פון איין זייט זאל צום צווייטן, מ'האלט אין איין פרעגן אלע מיני קושיות פון די ארבעטערס ביים טיקעט קאונטער, אפשר דאך קענען זיי טרעפן עפעס א וועג פאר אונז, אבער ס'איז גארנישט געווארן למעשה.

איך האב נאר געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר צוזאמען מיט די גאנצע גרופע מאכן א נס אז מיר זאלן אנקומען צום הייליגן

גלייך ווי מ'האט געטראפן פאר מוהרא"ש א וועג אריבער דעם אטלאנטיק האט ער גלייך געזאגט אז ער שפירט נישט גוט, ער קען נישט גיין, ער האט זיך אנגעכאפט אין צוויי באגלייטערס, ס'האט אויסגעזען אויף מוהרא"ש ווי נאך א רגע פאלט ער אראפ, ער האלט זיך מיט די לעצטע כוחות, און אזוי איז ער געגאנגען צו זיין פליגער.

רבי'ן אויף ראש השנה.

גלייך ווי מ'האט געטראפן פאר מוהרא"ש א וועג אריבער דעם אטלאנטיק האט מוהרא"ש אנגעהויבן שפירן נישט גוט, ער האט זיך אנגעכאפט אין צוויי באגלייטערס, ס'האט אויסגעזען ווי נאך א רגע פאלט ער אראפ, ער האלט זיך מיט די לעצטע כוחות, אזוי איז ער געגאנגען צו זיין פליגער, ווען אונז אלע בלייבן נעבעך אין עירפארט אן גארנישט.

די זייגער דארף שוין זיין יעצט צען אדער עלעף אזייגער - די זמן מוצאי שבת קודש איז געווען 15:8, ביז מ'האט זיך דערזען אין עירפארט איז געווען מסתמא בערך ניין דרייסיג, אפשר אביסל שפעטער, ס'האט גענומען מסתמא א שעה ביז מוהרא"ש האט געהאט א פלייט און אוועק געגאנגען פון אונז, יעצט שטייען מיר דא כמעט מיואש, וואס טוט מען? קיינער ווייסט גארנישט, די עירפארט ארבעטערס האבן שוין אנגעהויבן צו ווערן אביסל נערוועז פון אונזערע קשיות און פראגעס,


מוהרא"ש אין לופטפעלד מיט אנשי שלומינו מוצאי שבת נצבים תשס"א, ווארטענדיג אויף א וועג, גאנץ לינקס איז ר' משה ארי'

און פון אונזער ארומלויפן גרופענווייז פון איין זייט זאל צום צווייטן, כאילו די סאדא מאשין אינעם זאל קען ארויסשפייען עפעס א וואונדערליכן מאשין וואס זאל אונז טראגן צום הייליגן רבי'ן.

איין זאך האט מען אבער נישט אפגעלאזט די גאנצע צייט, דאס איז די כח התפילה. בענעזאם מיט די גאנצע געלויפעניש אהין און אהער, ארויף און אראפ, האט מען כסדר געשעפשעט מיט די ליפן, "הייליגער באשעפער, ברענג מיך צום רבי'ן" "באשעפער האב רחמנות, איך וויל זיין ביים הייליגן רבי'ן"

אונזער פארצווייפעלטע ארומגעדרייעכץ אין עירפארט איז נישט געקומען צו קיין ענדע ביז אום צוועלף אזייגער, דעמאלטס האבן די ארבעטערס אנגעהויבן אראפלאזן די "ראל-דאון" געיטס,



ר' משה ארי' לערנט געשמאק גמרא אויפ'ן סדר דרך הלימוד

זיי האבן אונז געזאגט: "אדער גייט עטס יעצט ארויס, אדער בלייבט עטס דא ביז מ'עפנט פארטאגס נאכאמאל דעם עירפארט", אפגעפאטשטעראהייט האבן מיר געמאכט דעם וועג אהיים נישט וויסנדיג בכלל וואס מען טוט ווייטער.

## זעקס שעה בעטן דעם אייבערשטן

אויפצומארגנס, זונטאג צופרי, כ'דאווען אין פאפא בית המדרש אויף בעדפארד עוועניו, טרעף איך א איד וואס פארט יעדן יאר אויף אומאן, ער געט מיר א עצה אז ס'זעט אויס מ'וועט קענען פארן היינט דורך בודאפעסט, מיט די אונגארישע "מאלעוו" עירליין פאר פופצן הונדערט דאלער, גלייך האב איך מיך ברוך השם אן עצה געגעבן צו האבן גרייט פופצן הונדערט דאלער, און מ'לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג קיין קענעדי עירפארט, אנקומענדיג, זאגט מיר א חבר, גיי נישט צו מאלעוו, אונז גיי מיר אלע צו "פינעיר" אז זיי זאלן אונז ארויפלייגן אויף די היינטיגע פליט זעקס אזייגער, אויפ'ן סמך פון די טיקעט פון מיטוואך וואס דעמאלט איז נישט געוועזן קיין פליגערס אין גאנץ אמעריקע.

אזוי קומען מיר אן צו "פינעיר", ס'איז געווען בערך צוועלף אזייגער בייטאג, ווי נאר זיי האבן אן רעדן צו אונז, זענען זיי געווארן זייער ברוגז אויף אונזער גרופע, מיט א שרעקליכע טענה, ווי האט עטס געהאט די חוצפה צו גורם זיין אז נעכטן ביינאכט זאלן מיר פארן מיט ליידיגע זיצן?! ענק האבן געזאגט אז עטס קומטס! און עטס זענטס נישט געקומען! מיר שטייען דא מיט מענטשן פון דריי פיר טעג וואס ס'איז נישט געווען קיין פלייטס! אויף יעדן איינציגן זיץ האבן מיר זעקס מענטשן וואס חלש'ן עס צו נעמען! און ענק האבן די העזה צו לאזן ליידיגע זיצן אויף די נעכטיגע פלייט?! לכבוד דעם דארפן ענק אלע שטיין אין די זייט, עטס קענטס נישט גיין אויף דעם פלייגער, עס וועלן זיכער קומען צו לויפן אזויפיל מענטשן ווי פיר פינף פלייטס וואס גייען וועלן זיין אויף די פליט, מ'וועט באלד זען מי ומי ההולכים, אבער איין זאך איז זיכער, אז ענק גייען זיכער נישט! מיר וועלן במילא דארפן אהיימשיקן אפאר הונדערט מענטשן וואס וועלן נישט האבן קיין פלאץ אויף די היינטיגע

פלייט, איז במילא א שאד ענקער ווארטן דא, עטס קענטס אלע שוין אהיימגיין.

מיר האבן זיי געזאגט מיר שטעלן זיך די לעצטע אין די שורה און מ'וועט ווארטן צו זען וואס וועט זיין.

זיי האבן אונז שטרענג געווארנט אז יעדער מענטש וואס קומט מוז גיין אין די שורה פארנט פון אונז, מיר מוזן בלייבן די לעצטע שב'לעצטע.

יעצט האט זיך אנגעהויבן אין מיין לעבן א נייע לעקציע אין די מסכתא פון "תפילה", "בעטן דעם אייבערשטן", כ'האב קיינמאל פריער נישט געמאכט אזויפיל תפילות אויף איינמאל, מיר זענען געשטאנען דארט די לעצטע אין די "פינעיר ליין" פאר גאנצע זעקס שעה! פון צוועלף אזייגער ביז זעקס אזייגער, מ'האט נישט אויפגעהערט צו בעטן "הייליגער באשעפער העלף אונז אנקומען צום רבי'ן" א שעה, צוויי שעה, דריי שעה, פיר שעה, פינף שעה, זעקס שעה! ס'איז נישט געווען וואס צו טון נאר תפילה.

מיר האבן נישט געהעריג געפאקט, בכלל נישט ווי אלע יארן, זייער קארג געפאקט די עסן, און אויך די מינימום וועש, ווייל מ'האט נישט געהאט קיין אנונג וואס וועט זיין דער מצב, ממילא יעצט ביים ווארטן זעקס שעה, האב מיר קוים געהאט אביסל עסן, יעדער האט געפאקט זייער זייער קארג, אז מ'זאל ווי ווייניגער אויפהאלטן ביים איבערקוקן די פעקלעך, די סעקיוריטי יענע טעג איז געווען זייער אנגעצויגן, בקיצור קוים עסן, כמעט נישט קיין ספרים , אבער די מויל האבן מיר דאך געהאט האבו מיר נישט אויפגעגעבן מיט תפילה, תפילה, און נאכאמאל תפילה "הייליגער לעכטיגער הארציגער באשעפער, ברענג אונז צום רבי'ן".

**אבער דער אייבערשטער האט געמאכט פאר אונז גרויסע נסים, די עירליין באאמטע וואס האבן פריער גערעדט אזוי שטרענג צו אונז זענען יעצט געשטאנען מיט פארשעמטע פנים'ער און נישט געקענט גלייבן אז עפעס אומפארשטענדליך האט דא פאסירט, אבער די פאקט איז אז ס'איז דא ליידיגע פלעצער אויפ'ן פליגער פאר אונז.**

אינצווישן האבן עטליכע פון אונז געהערט אז ס'איז דא עפעס א טיקעט פאר פינף טויזנט דאלער, דורך אוזבעקיסטאן, ס'קאסט אזוי טייער ווייל יענער פליגער איז פול און ס'איז נאר דא פלאץ אפאר טייערע זיצן ביי פוירס"ט קלע"ס, צוויי דריי מענטשן האבן טאקע דארט געקויפט.



כולל אין שטעטל וואו ר' משה ארי' נ"י איז דער פאנדרעיזער

## נאכ׳ן זען זיין געוויין לייגט מען אים אויפ׳ן פליגער

יעצט איז נולד געווארן אז ס׳איז נישטא קיין פליגער פון העלסינקי-פינלאנד קיין קיעוו, וואס טוט מען? איז אויפגעקומען א פלאן צו גיין דורך ריגע, לאטוויע, און פון דארט נעמען א פליגער קיין קיעוו, אבער קיין לאטוויע לאזט מען נישט אריין סתם אזוי, מ׳מוז באווייזן אז מ׳האט א טיקעט צו פארן ווייטער, און מ׳בלייבט נישט דארט שטעקן, האמיר געמוזט קויפן טיקעטס פון ריגע צו קיעוו נאך פאר מ׳פארט ארויס פון פינלאנד, אבער נישט יעדער פון אונז האט געקענט קויפן די טיקעטס, צו וועגן געלט, צו וועגן אנדערע סיבות, צו וועגן די בירגערשאפט וואס זיי האלטן.

בקיצור, ס׳איז געווען גרויס צרות מיט די טיקעטס וואס יעדער פון אונז האט געדארפט האבן, די פארלוירנקייט איז געווען גרויס, מ׳האט בכלל נישט געהאט א קלארן וועג פאר יעדן פון אונז אבער מ׳האט געזען א גאנצן וועג מעשי נסים ממש, (איך זע פאר מיינע אויגן ווי איינער פון אונז, א בחור פון ארץ ישראל, שטייט אין העלסינקי און מיר זענען שוין אלע אינעם קליינעם וואגאן וואס טראגט פון טערמינאל צום פליגער און ער וויינט מיט ביטערע בכיות, ס׳פעלט אים א טיקעט.

ס׳האט ממש אויסגעזען ווי מיר אלע פארן אפ פון טערמינאל און ער וועט מוזן פראווען א ראש השנה אין העלסינקי-פינלאנד, מיטאמאל קומט איינער פון די ארבעטערס און זעט זיין ביטער געוויין און לאזט אים ארויף אויפ׳ן וואגאן און פון דארט ארויף אויפ׳ן פליגער, כ׳ווייס אליין נישט וויאזוי, אבער דאס אומגלויבליכע איז געשען. ס׳איז גוט באקאנט ביי אונז אין די קהילה די נאמען פון דעם בעל הנס. ער וואוינט היינט אין ארץ ישראל, א גרויסער תלמיד חכם).

צוריק צו די מעשה, ס׳איז שוין זעקס אזייגער, די צייט פון די פלייט קיין העלסינקי, מיר שפאנען אונטן, די לעצטע אין די שורה, און דאס אומגלויבליכע האט פאסירט, מ׳זעט אז מיר גייען האבן פלאץ, פרעגט מיך נישט וואס דא איז געשען, ס׳זענען אנגעלאפן מענטשן פאר זעקס שעה, א ליין וואס מ׳זעט נישט אין נארמאלע צייטן.

אבער דער אייבערשטער האט געמאכט פאר אונז גרויסע נסים, די באאמטע וואס האבן פריער גערעדט אזוי שטרענג צו אונז זענען יעצט געשטאנען מיט פארשעמטע פנים׳ער און נישט געקענט גלייבן אז עפעס אומפארשטענדליך האט דא פאסירט, אבער די פאקט איז אז ס׳איז דא ליידיגע פלעצער אויפ׳ן פליגער פאר אונז.

מיר האבן זיך זייער שטארק צוגעגרייט אז מיר זאלן נישט האבן קיין רענצלעך, נאר "קערי-און", כ׳געדענק פונקטליך וואס כ׳האב געפאקט, כ׳געדענק


חדר פיקן פון אייניקל ביי ר׳ משה ארי׳

וואספארא קליינע רענצל איך האב גענוצט – ס׳איז געווען א קליינע גרינע בעג, מיט ברוינע הענטלעך – כ׳האב נאך די בעג, און איך נוץ עס נאך.

כ׳האב געפאקט פיר סעטס וועש, נאר מיין תפילין, רש״י און רבינו תם, א טלית האב איך נישט גענומען, מיין שטריימל האב איך נישט גענומען, צוויי שאכטלעך סארדין, איין פעקל האול-וויט קרערעקס און דאס איז עס! און אפילו אויף דעם האב איך געטראכט אז אויב ס׳מאכט זיך עפעס א צרה, נעם איך ארויס דאס ארימע עסן און א כפרה מיט׳ן פעקל, אבי צו זיין ביים רבי׳ן.

למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט פאר א גרויסע ישועה דאס אז מיר האבן נישט געהאט קיין רענצלעך, ווייל אויב יא וואלט לכאורה נישט געווען קיין מציאות צו דורכגיין אלע סעקיוריטי פון ניו יארק, העלסינקי, ריגע, קיעוו.

ס׳איז טאקע געווען מיט אונז צוויי בחורים פון יבניאל וואס האבן געלערנט אין מוהרא״ש׳ס ישיבה אין בארא פארק וואס האבן יא געהאט רענצלעך, די באאמטע

האבן זיי געזאגט קלאר און דייטליך אז זיי האבן צוויי ברירות, אדער לייגן מיר דיין רענצל אין מיסט און דו גייסט ארויף אויפ'ן פליגער, אדער טשעק'ט מען אויס דיין רענצל און ס'וועט נעמען אזוי לאנג אז דו וועסט פארפאסן די פליגער, האבן זיי געזאגט אז זיי קענען נישט לאזן די רענצלעך גיין אין מיסט, און זיי האבן טאקע נעבעך פארפאסט די פליגער.

**אוי! ווער האט באשטעלט כשר'ע פארציעס אויפ'ן פליגער?**

הכלל, ברוך השם, מ'זעט זיך אויפ'ן פליגער מיט גרויסע נסים, מ'הייבט אן צו באטראכטן די גרויסע נס אז אונז זעמיר אויפ'ן פליגער, אבער, מ'דארף נאך אסאך נסים.

די ערשטע נס וואס מיר דארפן יעצט ווייטער איז עסן, יעדער ווייסט דאך אז אן עראפלאן זיץ "קומט" מיט עסן, א כשר'ע ווארימע פארציע.... אבער דאס קען נאר געשען אויב איינער האט גערעדט מיט די עירליין אז ס'קומען כשר'ע קונדן... ווייל אויב מ'זאגט זיי נישט, ווייסן זיי נישט...

נו, ווער האט זיי נעכטן געזאגט אז מיר קומען היינט? קיינער! ווייל קיינער האט טאקע נישט געקענט וויסן ווען מיר וועלן פארן. זעמיר געבליבן יעדער איינער מיט זיין אויסגעקארגטע ביסן. איינער האט מיר שפעטער געזאגט אז ער האט א גאנצן צייט אויפן פליגער געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער, מאך א נס אז קיינער זאל נישט זיין הונגעריג, אז קיינער זאל נישט דארפן עסן, און די עסן זאל זיין גענוג, די והותר".

ס'איז טאקע געווען גרויסע ניסים מיט די עסן, כ'האב נישט געקענט גלייבן ווי איינער פון די חברים האט מיר געזאגט אז ער האט פאר מיר עפעס צו עסן, קרעקערס, פלאי פלאים, יעדער פאקט בצמצום, און ס'איז נאך דא אוועק צו געבן.

ס'איז מיר אויך געווען זייער אינטערעסאנט אז איינער האט געהאט א טעיפ רעקארדער - די אלטע וואלקמאן - איך טראכט צו מיר, "ווי קען זיין אז מ'פאקט אזוי בצמצום און יעדער האט פלאץ פאר זיינע זאכן וואס איז אים אינטערעסאנט". ער פרעגט מיך צו איך וויל הערן אביסל מוזיק? זאג איך אוודאי! כ'האב מיך אזוי שטארק מחי' געווען מיט די מוזיק.

ס'איז געווען זייער א געשמאקע טעיפ ברוך השם, (יא! א "טעיפ", נישט א "סי די"....) פון ר' מרדכי ווערדיגער נ"י, ווי ער זינגט דעם הערליכן שטייטן ניגון "**מדת הרחמים עלינו התגלגלי, ולפני קונך תחנתינו הפילי, ובעד עמך רחמים שאלי**" אוי, איך קען נישט פארגעסן ווי איך הער די לעכטיגע ווערטער אויף יענע פארנעפלטע נסיעה.

א גאנצן וועג האב איך געטראכט אז איך וויל נישט אויפנוצן די ביסל עסן וואס איך האב געפאקט ווייל די וועג ביז אומאן איז בכלל נישט פארזיכערט, ווער ווייסט וואו מ'וועט נאך אנקומען. די גאנצע



ערשטע יאר כולל אין וויליאמסבורג - זומער תשע"ח

מחשבה אין יענע טעג איז געווען „אז די טווין טאוערס האט געקענט ווערן אטאקירט, קען שוין אלעס געשען, יעדע ריר איז אומזיכער".

ברוך השם מ'מאכט דורך דעם וועג דורך העלסינקי, ריגע, דערנאך קיעוו, יעצט דארף מען זיך זען ווי שנעלער קיין אומאן, די גאנצע צוויי דריי שעה אין קאר פון קיעוו קיין אומאן האבן מיר נישט אויפגעהערט בעטן דעם אייבערשטן „הייליגער באשעפער, העלף אונז זאלן אנקומען קיין אומאן ווי שנעלער", ברוך השם אונז זעמיר אנגעקומען א צוויי שעה צום זמן, די שמחה איז געווען אין לשער.

**הודו לשם כי טוב כי לעולם חסדו!!** ברוך השם מ'דערציילט די מעשה אין פרידן. פון יענעם יאר איז ארויסגעקומען אסאך חיזוק אין שפעטערע מצבים „אז מ'האט געקענט גיין סעפטעמבער עלעווען, ווען ס'איז נישט געווען קיין פליגער אין גאנץ אמעריקע פאר פיר גאנצע טעג און דער אייבערשטער האט געהאלפן, קען ער נאכאמאל העלפן".

**די טווין טאוערס איז אראפ, די ברסלב'ע שטיבל איז ארויף**

אבער! די מעשה איז נאך ווייט פון פארטיג!.....

לויט ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט שפעטער, איז די סעפטעמבער עלעווען אטאקע געווען א שטיקל גורם אין די גרינדונג פון „בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג", וואס איז היינט מצודתו פרוסה אויף אזויפיל פלעצער איבער דער גארער וועלט.

ומעשה שהי' כך הי', ווען די אטאקעס האבן פאסירט און כמעט דער גאנצער עולם האט זיך למעשה געטראפן א וועג קיין אומאן, האט דער מסבב כל הסיבות אזוי געפירט אז עטליכע אידן תלמידי היכל הקודש האבן זיך נישט געקענט ספראווען אנצוקומען קיין אומאן, האבן זיי אפגעמאכט אז מ'מוז מאכן א מנין על שם רבינו, מ'האט געזוכט און געגנישטערט אבער מ'האט זיך דערזען אין א מצב אז ס'איז נישט דא מער ווי פינף מענטשן וואס ווילן דאווענען ראש השנה בהתקשרות לרבינו, מ'קען נישט טרעפן מער, וואס טוט מען?

איז איינער געפאלן אויף א המצאה אז ס'איז דא נאך א מנין וואס האט נישט מער ווי פינף מענטשן, איז, אפשר זאל מען מאכן א שותפות?

ווער איז די אנדערע מנין וואס האט נאר פינף מענטשן?

**מוהרא"ש לאזט נישט ר' יצחק ראזנבערג ע"ה גיין צו "בי ענד עיטש"**

די עלטערע תושבי וויליאמסבורג געדענקן דעם טייער'ן איד, דעם צדיק תמים ר' שלמה ווייס ז"ל, ער האט געהאט א בעקריי אויף לי עוועניו, צווישן היוז סטריט און הופער סטריט. ווען ער איז געווען אויף דער עלטער איז ער נעבעך שטארק נישט געזונט געווען, מ'האט כסדר געדארפט זיין מיט אים, ארויסהעלפן מיט רפואות, און מיט מאשינען וואס האבן אים געהאלפן אטעמען.



לחיים פון שמעון איינהאָרן הי"ו איידעם פון ר' משה ארי'

זיין משפחה האט זיך ארגאניזירט צו דאווענען יעדן שבת ביי אים, אז ער זאל דאווענען מיט מנין, איינער פון זיינע אייניקלעך איז געווען אונזער אלעמען באליבטער ר' יצחק ראזנבערג ע"ה וואס איז נעבעך יעצט אוועק אין יונגן עלטער, ער האט זיך אפגעגעבן גאר שטארק מיטן זיידן, גראדע, פון דא האט זיך עס אנגעהויבן וואס ער האט עוסק געווען אין דאקטעריי.

קודם איז ער געווען ביים זיידן אזוי ווי א שטיקל מומחה וויאזוי צו מאכן זיכער אז די לונגען ווערן נישט אנגעלייגט מיט וואסער פון אזוי לאנג ליגן און א נישט געזונטע אטעם, און אזוי האט ער זיך אלץ צוגעלערנט נאך און נאך

ביז מוהרא"ש האט אים צוגערעדט ער זאל ווערן א "רעדשזיסטער"ד נוירס" און שפעטער א פולער דאקטער.

ער פלעגט זיך בעטן ביי מוהרא"ש אז ער וויל זיך אפלאזן פון דאקטעריי און גיין ארבעטן ביי "בי ענד עיטש". מוהרא"ש האט נישט מסכים געווען בשום אופן, מוהרא"ש האט אים אויסדרוקליך געהייסן אז ער וויל ער זאל ווייטער גיין מיט'ן זיך לערנען דאקטעריי.

ווען ר' שלמה עליו השלום איז אוועק, האבן די אייניקלעך אפגעמאכט אז ס'איז אזא שיינע געשמאקע מנין, פארוואס זאל מען נישט ווייטער דאווענען צוזאמען?... און ס'איז טאקע אזוי געבליבן אז מ'דאוונט ווייטער צוזאמען, יעצט ווען ס'איז געקומען ראש השנה איז אויסגעקומען אז א חלק פון די משפחה וועט נישט קענען מיטהאלטן די תפילות, ס'איז זיי נאר געבליבן פינף מענטשן וואס זאלן זיין ביי זייער מנין, איז עס געווארן אזוי אז באופן פלא איז

> דא איז געווען די ערשטע מאל אין אמעריקע וואס תלמידים פון מוהרא"ש וואס וואינען ווייט פון מוהרא"ש קומען זיך צוזאם אין א אפיציעלע אייגענע בית המדרש מיט'ן נאמען "בית המדרש היכל הקודש ברסלב", וואס איז זיך ברוך השם צעוואקסן היינט-צו-טאגס אין א נעץ פון 9 שול'ן, בלויז אין אמעריקע, אויסער וואס ס'איז נאך דא אין ארץ ישראל.

געווארן צונויפגעשמאלצן צוויי האלבע מנינים אידן, אז ס'זאל צושטאנד קומען צום ערשטן מאל א היסטארישער מנין תלמידי היכל הקודש אויף ראש השנה אין דעם עיר ואם בישראל וויליאמסבורג..

אזוי איז אדורך דער ראש השנה, דערנאך האט מען ווייטער אזוי געדאווענט בשותפות יום כיפור און סוכות, איך האב ברוך השם געדאווענט דארט, ס'איז געווען שיינע הקפות אום שמחות תורה, מ'האט כסדר אריינגעפלאכטן ברסלב'ע זאכן דא און דארט.

**די ערשטע מנין אויף לינטש סטריט**

נאך סוכות האט מען ווייטער געדאווענט בשותפות פאר א שטיק צייט, אפאר חדשים, די פלאץ איז געווען א גרויסע רחבות'דיגער פלאץ אויף העיווארד סטריט, נאכדעם האט זיך אנגעטראגן איינער פון די תלמידים פון מוהרא"ש אז ער האט א שטיקל פלאץ אין זיין בעיסמענט וואו מ'קען דאווענען, ס'איז נישט

כולל מסיבה אין לעיקוואד חקת בלק תש"פ



געוועזן קיין ספר תורה, אבער מ'האט דארט געדאוונט פרייטאג צו נאכטס און שלש סעודות.

די פלאץ איז געוועזן גאנץ בצמצום, ס'איז געוועזן אויף לינטש סטריט, נעבן לי עווניו, ס'איז געוועזן ווייניגער ווי א צענטל פון די פריערדיגע גרויסע ברייטע פלאץ, אבער ס'איז אונז געוועזן וויכטיג צו זיין אליינס, פאר זיך, א פלאץ פון תלמידי מוהרא"ש, אזוי ווי די וועלט זאגט א ווערטל "א קליינס, אבער מיינס". מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אויך זייער געוואלט אז מיר זאלן האבן א אייגענע פלאץ, און ער פלעגט אמאל רעדן דערפון, איינמאל ווען מיר זענען געוועזן אין פאריז לופטפעלד, אויפ'ן וועג קיין אומאן, רופט מיך מוהרא"ש צו נעבן זיך, ער ווייזט מיר איך זאל מיך זעצן אויף די נעקסטע זיץ, און מוהרא"ש הייבט אן צו שמועסן, נאך אפאר ווערטער זאגט מיר מוהרא"ש "אז איר וועט האבן א בית המדרש אין וויליאמסבורג, וועל איך קומען פון צייט צו צייט".

אזוי האבן מיר געדאווענט אפאר וואכן אינעם קליינעם פיצל בעיסמענט אויף לינטש סטריט, ס'איז געוועזן אזוי גרויס ווי א שטוב וואס ס'גייט אריין א קליינע קאך-טישל מיט זעקס בענקלעך, דארט האט אויך געדאווענט א אינגערמאן וואס זיין זיידע האט געהאט א גרויסן בנין אויף ראובלינג סטריט, און דער זיידע האט זיך מתנדב געוועזן אז מ'קען דארט דאווענען. די פלאץ איז געוועזן צוויי מאל גרעסער ווי די פריערדיגע פלאץ..... ס'איז געוועזן גאנץ בצמצום, אבער דא האט זיך שוין אנגעהויבן צו טון זאכן וואס האבן, ווי מ'זאגט, "געטוישט היסטאריע"...

דא האט מען שוין געדאווענט פאר א לענגערע צייט, דא איז געוועזן די ערשטע מאל אין אמעריקע וואס תלמידים פון מוהרא"ש וואס וואוינען ווייט פון מוהרא"ש קומען זיך צוזאם אין א אפיציעלע אייגענע בית המדרש מיט'ן נאמען "בית המדרש היכל הקודש ברסלב", וואס איז זיך ברוך השם צעוואקסן היינט-צו-טאגס צו א נעץ פון 9 שול'ן, בלויז אין אמעריקע, אויסער וואס ס'איז נאך דא אין ארץ ישראל.

**ויסעו מ'ראבלינג סטריט ויחנו ב'דיוויזשען עווניו**

עס איז געקומען די צייט וואס מ'האט מער נישט געקענט דארט זיין, האט מען ווייטער געזוכט, און מ'האט געטראפן דעם בית המדרש אויף דיוויזשאן עווניו, אמאל האט עס געהייסן ראצפערט'ער בית המדרש.

דארט איז שוין מוהרא"ש געקומען עטליכע מאל אויף מלוה מלכה, ברוך השם כ'האב געהאט די זכי' צו ברענגען פון מיין הויז א בענקל, א זילבערנע מעסער, זילבערנע לייכטער, א זילבערנע זאלץ מעסטל, און א גרויסע טעלער פאר די פיש, מיט נאך זאכן.

ס'איז געוועזן, ברוך השם זייער א גוטע חינוך פאר מיינע קינדער, מ'האט געמאכט ביי מיר אינדערהיים א גאנצ'ן עסק פון מוהרא"ש, כ'האב געוויזן פאר מיינע קינדער אז איך גיי האלטן חשבון מוהרא"ש זאל זיצן אויף ביידע פון מיינע דיינונג-רום-בענקלעך וואס האבן הענטלעך..... נישט נאר אויף איינס.... אזוי אז איך זאל נישט מוזן געדענקען וועלכע, ווייל ער איז געזיצן אויף ביידע....

דא און דיוויזשאן געדענק איך שוין ווי מ'האט אנגעהויבן צו זען יונגע תלמידים וואס קלאמערן זיך צום ראש ישיבה שליט"א, כ'געדענק נאך ווי היינט ווי עטליכע תלמידים פון די ראש ישיבה פון דעמאלט, וואס האבן זיך אביסל געדרייט אין בית המדרש האבן גערעדט מיט אן אויסטערלישע התמדה.

אבער מ'האט אונז געלאזט וויסן פון אנהייב אז זיי קלערן צו פארקויפן דעם בנין, און מ'קען נישט זיין זיכער אז דער קונה וועט אונז לאזן דארט, וכך הוה, מ'האט פארקויפט און דער קונה האט געדארפט דעם בית המדרש פאר זיך.

**מסיים געוועזן משניות צוויי הונדערט מאל!**

ויסעו מ'דיוויזשאן עווניו ויחנו ב'בעדפארד עווניו. איך וויל נישט לאנג מאריך זיין אין דעם ארטיקל, ווייל דא איז שוין דא זייער אסאך צו דערציילן, סיי ווי אזוי מ'האט באקומען דעם שול בדרך נס, סיי פון שלעגערס

וואס זענען געקומען זיך שלאגן ווייל איינעמ'ס חבר'ס זון איז געווארן "פארכאפט" אין ברסלב, "פארכאפט" אין זאגן משניות, ביז מ'האט געמוזט איינמאל גיין אריבער די גאס וואו ס'איז געווען א פאליציי קאר פארנט פון פאפא בית המדרש, האב איך גוזאגט פאר שאולי גאנץ נרו יאיר גיי שוין רוף אהער די פאליציי ווייל מ'טיילט שלעק, ברוך השם מיר זענען געווארן גערעטעוועט אין די לעצטע מינוט.

- דרך אגב, דער בחור וואס איז געווארן "פארכאפט" אין ברסלב, האט שוין זוכה געווען אין עטליכע יאר צו מסיים זיין משניות צוויי הונדערט מאל!

**א קליינער עולם, א גרויסע שמחה**

איינע פון די שיינע הערליכע זכרונות פון דעם שול אויף בעדפארד איז געווען ווען מ'האט אריינגעגעבן א נייע ספר תורה, מוהרא"ש איז געקומען און געטאנצן אזוי שיין. מ'האט צאמגעשטעלט אלע טישן אינמיטן און מוהרא"ש האט געטאנצן ארום די טישן. מ'האט געזען די שיינע הערליכע מדה פון מוהרא"ש אז שמחה קומט נישט פון עפעס א "מצב", נישט דער "מצב" מאכט מיך פריילך, "איך" בין פריילך, ווייל איך האב זאכן וואס זענען "עכט", זאכן וואס זענען נישט "אנגעשטעלט". כ'האב משניות, כ'האב גמרא, כ'האב די זכות צו מזכה זיין נאך א איד זאל געדענקען אז דער אייבערשטער איז דא און ער הערט יעדע ווארט וואס איך רעד צו אים.

ס'איז געווען א קליינער עולם דארט ווען מוהרא"ש האט געטאנצן, אבער די שמחה איז געווען אזא סארט שמחה וואס וועפט נישט אויס מארגן ווען מ'זעט שוין נישט קיין פארענטשעס, פאקלען, סדרנים, וכו'.

ויסעו מ'בעדפארד עווענױ ויחנו ב'קלעסן עווענױ, א קורצע צייט האמיר געדאוונט אין איינעמ'ס שטוב אין די גרויסע דירות-קאמפלעקס אין קלעסאן עווענױ. די מניעות צו דאוונען דארט איז געווען זייער גרויס אבער ברוך השם איך האב זיך מתגבר געווען, איך האב זיך אינגאנצן איבערגעדעקט מיט'ן טלית און געדאווענט פאר זיך, נישט לייגנדיג קיין אכט אויף וואס טוט זיך ארום און ארום.

אין די תקופה וואס מיר האבן געדאווענט דא אין קלעסאן עווענױ איז שוין פארגעגאנגען פיבערהאפטיגע הכנות צו מאכן גרייט דעם היינט-וועלט-בארימטן און וואויל-באקאנטן בנין הישיבה אויף סקילמאן סטריט, מ'האט שוין געווארט און געגארט יעדע וואך, "ווען וועט שוין זיין גרייט די נייע גרויסע בית המדרש, ישיבה און חדר" דער היינטיגער בנין אויף "סקילמאן סטריט" וואס רופט אויס פאר די גאנצע וועלט אז יעדער קען צוריקגיין צום אייבערשטן.

נאך א קורצע תקופה אין קלעסאן, האבן מיר זוכה געווען



הכנסת ספר תורה אין בית המדרש היכל הקודש אויף בעדפארד

ברוך השם, צו באנייען דעם בית גדול שמגדלין בו תורה ותפילה, דער בנין הידוע על פני תבל, "72 סקילמאן סטריט".

אויף צו אראפמאלן דעם באדייט פון דעם בנין דארף מען נישט נאך אן ארטיקל, און נישט נאך א בוך, ווייל איך ווייס נישט אויב הונדערט ביכער קענען אראפלייגן אין א כראנאלאגישן סדר וויפיל סיומים פון ששה סדרי משנה זענען פארגעקומען סיי אין דעם בנין, און סיי אינדרויסן פונעם בנין וואס האט א שייכות מיט די דרשות וואס ווערן פון דא געהערט איבער דער גארער וועלט, דערצו נאך, וויפיל סיום הש"ס'ן, וויפיל סיומים פון ד' חלקי שולחן ערוך, רמב"ם, מדרש רבא, תנחומא, זוהר הקדוש, ליקוטי מוהר"ן ועוד ועוד, און וויפיל סיומים פון מסכתא'ס הונדערט און איין מאל.

כסדר קומען דא ארויף אידן וואס ווילן האבן די זכי' צו שטיין אין דעם הייליגן מקום פון וואו אזויפיל אידן נעמען חיות און פרישקייט אנצוגיין נאך איין טאג אין דעם וועלטעלע וואס איז פול מיט נסיונות פון יעדן סארט. איך אליין האב שוין דא גערעדט מיט אידן וואס זענען געקומען פון פארשידענע סטעיטס, פון טעקסעס, מאנטענע, קאלאראדא, מעין, פענסילוועניע.

איינמאל האב איך דא געטראפן א איד וואס איז געווען פון ארץ ישראל אויפ'ן וועג קיין קאסטא ריקא, ער זאגט מיר ער האט פשוט געמוזט זען דעם פלאץ, און ער מוז שוין גיין ווייטער אויף זיין וועג צום לופטפעלד קיין קאסטע ריקע, ער נעמט ארויס א גרויסן סכום געלט און ער בעט מיר איך זאל עס איבערגעבן פאר דעם ראש ישיבה שליט"א.

וואס דארף מען מער ווי וואס מוהרא"ש האט געזאגט.... אין אט דעם בנין האט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו געזאגט: **"איך ווייס נישט אויב ס'איז דא א בנין פון וואו עס גייט ארויס מער תורה ווי דא".**



כולל מסיבה יתרו תשע"ט

דעם הייליג'ן רבי'נס הויז אויף פונף הונדערט בעדפארד עוועניו

נאך איין קליינע רינגעלע אינעם "ויסעו-ויחנו" קייט וואס מיר דארפן געדענקען איז די הויז פון סאטמארער רבי'ן זכותו יגן עלינו, דאס מיינט סיי די הויז אויף 005 בעדפארד עוועניו, וואו רבינו הקדוש מ'סאטמער זכותו יגן עלינו האט אויסגעשריגן פון זיין ריינעם הארץ די קול פון אמונה אז נאר דער אייבערשטער אליין קען אונז אויסלייזן, און סיי די הויז אויף 535 בעדפארד וואס מ'האט געבויט פאר'ן רבי'ן ווען ער איז געווען אפגעשוואכט פון דעם סטראוק רחמנא לצלן, אין ביידע פון זיי האבן מיר געפראוועט א שמחת תורה, און אויף 005 בעדפארד האבן מיר אויך געפראוועט א יום הקדוש. דאס איז געווען אזוי ווי "בין הפרקים".....

צווישן איין בית המדרש און צווייטן, ווען מיר האבן געהאלטן אינמיטן זוכן דעם קומענדיגן בית המדרש, האבן מיר געמוזט דינגען די זאל'ן וואס זענען געשטאנען צום פארדינגען בבית רבינו הקדוש זי"ע פאר שבע ברכות'ן וכדומה.

דאס ברענגט אונז צום שלוס פונעם היינטיגן ארטיקל בנוגע אנקומען יענעם ראש השנה צום רבי'נס ציון און בנוגע די שייכות פון די טווין-טאוער אטאקעס צו די גרינדונג פון אונזער הערליכע וועלט בארימטע קהילה היכל הקודש ברסלב, בנשיאות אונזער געטרייער ראש ישיבה שליט"א.

ס'איז נאך דא אסאך פרטים צוצולייגן, ועוד חזון למועד, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף. שכח אייבערשטער אז כ'האב געקענט אראפלייגן די השתלשלות הדברים אביסל מיט א סדר.

# אנטלאפן פון אומאן קיין קרית ברסלב

**אֲדָר ב׳**
תשפ״ב

## כל העולם כולו גשר צר מאד

לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן מח

שוין אפאר חדשים וואס די אויגן פון די וועלט זענען געווענדן צו די גרעניץ פון אייראפע און אזיע ווי רוסלאנד האט פון איין טאג אויפ׳ן אנדערן אינוואדירט איר שכן אוקריינע צוליב אומפארשטענדליכע אדער גאר קינדערישע סיבות וואס דאס האט געברענגט צו א לאנג פארצויגענע געפארפולע מלחמה אין וואסביידע זייטן האבן שוין פארלוירן סאלדאטן אין די פילע טויזנטער. גאר אסאך מענטשן האבן זיך געדארפט געזעגענען פון זייערע ווארימע היימען און איבערלאזן זייער גאנצע האב און גוטס אינעם פייער פון די מלחמה כדי זיך צו ראטעווען דאס לעבן, מען האט געכאפט הענט און פיס מיט די קינדער אויף די אקסלען און געלאפן וואו די אויגן האבן געטראגן נאר וואס ווייטער אוועק פונעם שלאכטפעלד.

איינע פון די באטראפענע שטעט וואס האבן געליטן ביי די מלחמה איז די באקאנטע שטאט אומאן וואו דער הייליגער רבי ליגט באגראבן און ווי ברסלב׳ע חסידים פון די גארער וועלט קומען זיך צוזאם יעדן יאר אויף ראש השנה. אין אומאן איז געווען - ביז די טויטליכע מלחמה האט זיך אנגעהויבן - א שיינע אידישע קהילה מיט אלע נויטיגע צוגעהערן וואס א אידישע קהילה דארף צו קענען פונקציאנירן.

ווי פארשטענדליך האבן אלע אידן געדארפט אנטלויפן פון אומאן מיטנעמענדיג די מינימאלסטע וואס מען דארף פשוט זיך צו ראטעווען דאס לעבן. מיר ברענגען פאר די חשוב׳ע ליינער א (געוועזענער) איינוואוינער פון אומאן ר׳ ישראל פוקס ווי ער שילדערט זיינע מיטמאכענישן זייענדיג איינס און אהאלב וואך אונטערוועגנס אנטלויפנדיג פון די ברענענדיגע אוקריינישע ערד מיט פיר קליינע קינדער קיין קישינעוו, מאלדאווע, בוקארעסט, ראמעניע ביז זיין ענדגילטיגע אכסניה קרית ברסלב.

מיר געבן איבער דאס ווארט פאר ר׳ ישראל הי״ו:

לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן מח



ר׳ ישראל מיט זיינע קינדער אין אומאן מיט׳ן ראש ישיבה

דאנערשטאג פרשת ויקהל איז געווען א קאלטע פארטאגס, איך בין געשלאפן רואיג אין מייןווארעמע דירה אין אומאן מיט מיינע פיר קינדערלעך אליינס, וויבאלד מיין פרוי תחי' איז געפארן קיין אמעריקע אויף א חתונה. מיטאמאל האב איך זיך אויפגעוועקט צו שרעקליכע גערודער, די רוסן האבן דאן אנגעהויבן זייערע באמבארדירונגען, און איך האב גלייך פארשטאנען אז די מלחמה פון וואס מען רעדט שוין אזויפיל וואכן, האט זיך ווירקליך אנגעהויבן.

נעבן אומאן איז געווען א גרויסע סטארעדזש פון געווער פון די אוקראינישע מיליטער, און די רוסישע מיליטער האט דאס באמבארדירט. דאס האט געברענגט אז יעדע פאר מינוט האט זיך געהערט נאך אן אויפרייס און נאך אן אויפרייס, ווען די באמבעס אינעם סטארעדזש האבן איינס נאכ'ן צווייטן אויפגעפלאצט. עס איז אפילו געפלויגן שראפנעל ביז נעבן דעם ציון, און א גוי אין אומאן איז געשטארבן דערפון.

די קינדערלעך האבן זיך אויפגעוועקט און געזען די טומל, האבן זיי מיר געפרעגט וואס ס'גייט פאר, כ'האב נישט באהאלטן פון זיי, נאר זיי געזאגט אז ס'האט זיך אנגעהויבן א מלחמה, און מען דארף בעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט פאסירן קיין שלעכטס פאר קיינעם.

אזוי איז אריבער די נאכט ווען די באמבארדירונגען גייען אן מיט די פולסטע שטארקייט. דאנערשטאג אינדערפרי האט מען קודם געהאט אנגעהויבן חדר, אבער אויך נישט געהעריג ווייל מען האט מורא געהאט, נאר מ'האט צוזאמגענומען די קינדער נעבן ציון הקדוש און דארטן געלערנט און געבעטן דעם אייבערשטן.



גוים האבן געברענגט חפצים פאר אונז

וואס טוט א איד ווען ער האט א צרה? מען פרעגט דעם אייבערשטן וויאזוי זיך צו פירן, און מען איז זיך שואל עצה ביי א ערליכער איד.

אינצווישן זענען געקומען מער און מער עלטערן וואס האבן געזאגט אז מען דארף צומאכן די חדר און מען דארף אנטלויפן, מען קען נישט פארבלייבן אין אומאן און אין אוקראינע בכלל. מען האט דאן צוזאמגערופן עטליכע אסיפות צווישן די איינוואוינער און עסקנים אין שטאט, און נאך בעראטונגען אהין און אהער איז אויסגעקומען אז רוב האבן געזאגט אז מען קען נישט פארבלייבן, נאר מ'מוז טאקע אוועקפארן.

### מען הייבט פוס און אנטלויפט פון אוקראינע

וואס טוט א איד ווען ער האט א צרה? מען פרעגט דעם אייבערשטן וויאזוי זיך צו פירן, און מען איז זיך שואל עצה ביי א ערליכער איד, איך האב טאקע גלייך אנגעפרעגט ביים ראש ישיבה שליט"א וואס צו טוהן אין דעם מצב, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז כ'זאל אוועקפארן, היות מיין ווייב קען סיווי נישט צוריקקומען קיין אוקראינע ווייל עס זענען נישטא קיין פליגערס. הפנים, האט מען זיך גענומען צוגרייטן אוועקצופארן. מ'האט פרובירט ברענגען א באס, מ'האט געהאפט אז עמיצער גייט ברענגען א באס, אבער ס'איז גארנישט געווארן.

אזוי האט מען געווארט אויפן גאס ביז פארנאכטס. אינדערצייט וואס דער עולם האט געווארט אנגעצויגענערהייט, האב איך אריינגעכאפט צו לערנען מיינע שיעורים כסדרן, חומש מיט רש"י, אכצן פרקים משניות, א יום תהילים, און אזוי ווייטער.

ווען מ'האט איינגעזען אז עס קומט נישט קיין באס, האט מען זיך פלאצירט אין א האטעל נעבן דעם ציון, וואס דער בעל הבית האט יעדן אריינגעלאזט, ווייל קיינער האט נישט געוואלט צוריקגיין צו די הייזער. איך בין אויך אריבערגעקומען צום האטעל און אריינגעשטעלט מיינע קינדערלעך איבערשלאפן, ווען די גאנצע צייט האט מען ווייטער געארבעט און געבעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן א באס, און זיך מחזק געווען אז דער אייבערשטער גייט אונז זיכער העלפן.

אינמיטן די נאכט האט זיך געטראפן אז עמיצער מיט א באס איז אונז געווען גרייט צו טראגן ביז'ן גרעניץ ארויס פון אוקראינע צום מאלדאווע גרעניץ, אבער ער וויל האבן זעקס טויזנט דאלער באצאלט. קיינער פון אונז האט נישט געהאט די געלטער, ביז געלויבט דער אייבערשטער מיר האבן געטראפן עמיצן וואס איז געווען גרייט אויסצולייגן און באצאלן די קאסטן פונעם באס, מיר האבן זיך אלע ארויפגעזעצט דערויף וואס שנעלער.

איך בין ארויף אויפן באס מיט מיינע פיר קינדער. דאנערשטאג אינמיטן דער נאכט איז מען אנגעקומען צום מאלדאווע גרעניץ, אבער דער באס האט געזאגט אז ער פארט נישט אריין קיין מאלדאווע, נאר ער לייגט אונז אראפ ביים גרעניץ. מיר האבן דאן געדארפט גיין צופוס פאר א לענגערע צייט אריבערצוגיין דעם גרעניץ. מיינע קינדערלעך האבן געוויינט פון קעלט, כ'האב געשלעפט די בעיבי אין איין האנט, רענצלעך אין די אנדערע האנט, ביז מ'איז ענדליך אנגעקומען.



ביים איינשטיין אין קישינעוו

אינדערצייט וואס דער עולם האט געווארט אנגעצויגענערהייט, האב איך אריינגעכאפט צו לערנען מיינע שיעורים כסדרן, חומש מיט רש"י, אכצן פרקים משניות, א יום תהילים, און אזוי ווייטער.



מען ווארט די באס זאל אנקומען

מען האט געמיינט אז אוקראינע וועט זיך אונטערגעבן ביז צוויי-דריי טעג פאר רוסלאנד, אדער אין ערגסטן פאל וועט אוקראינע פשוט פאלן אונטער רוסלאנד און מ'וועט קענען צוריקגיין צום לעבן ווי אמאל. צוליב דעם האב איך ממש נאר מיטגענומען שטריימל און בעקיטשע. כ'האב געהאלטן אינמיטן מאכן כשר'ע מילך פאר ארץ ישראל, זייענדיג א משגיח כשרות, בין איך ארויסגעפארן מיט די פארם קליידער, ניטאמאל האב איך מיטגעברענגט געהעריגע קליידער.

ביים גרעניץ איז מען געשטאנען צוויי דריי שעה אויף די פוס, ס'איז געווען אומגעהויער שווער, איך און די קינדער האבן געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אונז שוין גרינגער ווערן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן דורך א גאר גוטער איד ר' רחמים בלאנק פון מאלדאווע, וואס ער האט געברענגט א באס וואס האט אונז אלע גענומען פונעם גרעניץ גלייך קיין קישינעוו. מען האט פרובירט צו גיין צו א האטעל, אבער אין קיין איין האטעל איז נישט געווען קיין פלאץ פאר אונז, און וואו עס איז יא געווען פלאץ האט מען אונז נישט אריינגעלאזט.



ביים גוי אינדערהיים
אין יאס, רומעניא

דערווייל האט שוין אנגעהויבן טאגן, איז באשלאסן געווארן אז אנשטאט פרובירן צו טרעפן א האטעל, וועט מען קודם פארן צום שוהל אין קישינעוו, דער הויפטשטאט פון מאלדאווע. דארטן האט מען געדאווענט וואוילע מענטשן האבן אונז סערווירט א געשמאקע פרישטאג. נאכ'ן זיך אביסל דערכאפן דאס הארץ האט מען זיך נאכאמאל ארויסגעלאזט פרובירן זוכן האטעלן פארשטייט זיך מיט אסאך תפילות אז מען זאל קענען טרעפן שטובער אינעם האטעל. שפעטער האט מען געהערט אז ס'איז דא א שיינע פלאץ צוואנציג מינוט אינדרויסן פון קישינעוו, אבער דער אייבערשטער האט אנדערש געוואלט ווען אין די לעצטע מינוט האט עס אן אנדערע גרופע אויסגעכאפט.

ביזדערווייל האט זיך דער זייגער געדרוקט פאראויס, מיר האבן געהאלטן דריי שעה בעפאר שבת און נישט געוואוסט וואו מיר גייען זיין אויף שבת. איינער האט אונז אריבערגעשיקט צו א שפיטאל וואו מען באהאנדלט קראנקע מיט די שרעקליכע "טובערקולאסיס" מחלה, וואס דער שפיטאל האט פארמאגט אסאך ליידיגע צימערן. אבער ווי פארשטענדליך האבן א חלק עולם געזאגט אז זיי ווילן דאס נישט, מורא האבנדיג אז די קינדערלעך וועלן ווערן אנגעשטעקט מיט די מחלה וואס איז זייער אנשטעקיג פון איינעם צום אנדערן.

אזוי האט מען ווייטער געוואנדערט, ביז דער ר' רחמים האט געטראפן א יוניווערסיטי געביידע וואס איז נישט ווייט פון זיין שוהל, אין די געביידע האט עקזיסטירט א דארמיטארי וואו עס זענען געשלאפן סטודענטן. שכח אייבערשטער אז דארט איז געווען צווישן די סטודענטן וועלכע זענען געווען אידיש, זיי האבן אונז גאר ווארעם אויפגענומען און ארויסגעהאלפן זיך צוצוגרייטן צום שבת ווי ווייט מעגליך.

## איבערשלאפנדיג אין יאס ביים גוי אין שטוב

א גאנץ שבת האבן מיר געפראוועט אין די דארמיטארי און אינעם שוהל, עס איז געווען ווייט פון גרינג. מיינע קינדערלעך זענען געווען שטארק צעטומלט און דערשראקן, נישט וואוסנדיג וואס די נעקסטע מינוט גייט ברענגען, נאכדערצו אז מיין פרוי איז נישט געווען מיט מיר, און די קלענערע האבן זיך געוויטיגט אין די מוטער זייער שטארק. אבער איך האב זיך די גאנצע צייט מחזק געווען מיט וואס כ'האב יא געהאט, און פרובירט א גאנצע צייט געדענקען דאס וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז צו קוקן אויף די גוטע

חלקים וואס מען האט יא. אזוי איז אריבער דעם שבת.

איך האב דאן אינאכט גענומען די חילוק פון מיר און אנדערע מענטשן, מ'קען זאגן לפי המצב בין איך געווען אין א פיל ארגערע מצב פון אלע, איך בין געווען אליין מיט פיר קינדערלעך אן זייער מאמע, דא האב איך געדארפט לויפן טוישן דעם קליינעמ'ס ווינדל, און פון איין זייט האב איך געדארפט דאווענען און פיטערן דעם איין יעריגען בעבי, עס האט זיך געטון א בהלה, אבער די דרשות וואס איך הער פונעם ראש ישיבה יעדן טאג האבן מיר געשפילט אין קאפ, נישט נאר איך בין געווען רואיג, נאר אין די צייט וואס די צומישעניש איז געווען אויף די העכסטע שטאפל האבן מיינע קינדער געשפירט ווי זיי זענען געגאנגען אויף עפעס א אויספלוג, אוודאי קינדער זענען קינדער, און קינדער פארפירן און וויינען, אפילו ווען מען גייט אויף א אויספלוג וויינען זיי אויך, אבער עס איז נישט געווען די בהלה די פארלוירענקייט.



די קינדער שלאפן אויף דער ערד אינעם לופטפעלד אין בוקארעסט

מען קען נישט מסביר זיין וואס דאס מיינט לויפן אינמיטן א מלחמה, שטיין צווישן גרעניצן און נישט וויסן צו מען וועט קענען ווייטער גיין, אנדערע מענטשן וואס זענען דאס אדורך האט גענומען לאנגע וואכן ביז זיי זענען ארויס פון די טראומא און שרעק וואס זיי זענען אריבער, אפגערעדט קינדער ווערן שרעקליך צומישט, בפרט אז די עלטערן זענען פארלוירן, ברוך השם פאר דער תקופה אליין האט זיך געלוינט מקורב צו ווערן צום ראש ישיבה שליט"א.

מען קען נישט אנהייבן חזר'ן "אלעס איז דער אייבערשטער" ווען דו וועקסט זיך אויף און מען האלט שוין אינמיטן באמבאדירן, ווען די שטייסט אן קיין שלאפן האלטענדיג שלאפענדיגע קינדער און די האנט אדער אויף די אקסל, עס דארף באכענען יעדן טאג א דרשה נאך א דרשה.

גלייבט מיר אלע האבן מיר מקנה געווען אויף מיין רואיגקייט, און עס איז נאר צו פארדאנקען די הייליגע שיעורים פון אמונה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האקט אונז אריין אין קאפ.

מוצאי שבת האט א לאקאלער גוי אין מאלדאווע פארשפרייט אין די ארטיגע מידיא איבער אונזער גרופע פליטים פון אוקראינע - נאכדעם וואס יענער האט געהערט אז מיר זענען אריבערגעקומען ממש מיט ליידיגע הענט און מיר נויטיגן זיך אין הילף. דאס איז געווען א געוואונטשענע זאך, די לאקאלע איינוואוינער האבן רעאגירט זייער ברייטהארציג, ברענגענדיג קליידער, שיך, זייפלעך, טישוס און סיי וואס מ'קען נאר. כ'האב אזוי ברוך השם באקומען ווינדלען פאר די קינדערלעך, נארמאלע שיך פאר מיר אנצוטאן און עפעס קליידער פאר די קינדער.

מיר זענען געבליבן אויף זונטאג אין מאלדאווע, נישט האבנדיג סיווי א געהעריגן פלאן וואו ווייטער צו פארן. מאנטאג אינדערפרי האט מען מודיע געווען אז אין יאס, א שטאט אין ראמעניע גייט מען מאכן א פליגער קיין ארץ ישראל פאר א גאר ביליגע פרייז פאר אלע וואס ווילן פארן. ס'האט זיך ארגאנדזשירט א באס און מ'האט אנגעהויבן ארויספארן, אויך איך בין מיטגעפארן מיט מיינע קינדער, ווייל כ'האב סיווי גארנישט געהאט פון בלייבן אין קישענעוו.

איך האב געוואוסט אז צו פארן קיין ארץ ישראל איז נישט פאר מיר א תכלית, אבער דאך האב איך געקלערט אז כ'פאר קודם קיין יאס, און לאמיר זעהן וואס ס'וועט פאסירן. אויפן וועג האב איך געמאכט עטליכע טעלעפאן רופן און געהערט אז עס איז נישטא קיין געהעריגע אידישקייט אין יאס. דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז פונקט אויפן באס האט מיר געקלינגען א רב פון "כדתיא" מיט וועם איך בין באקאנט און מיר געפרעגט וואס ס'טוט זיך מיט מיר, האב איך אים דערציילט אז כ'בין אויפן וועג קיין יאס.

דער אייבערשטער האט אונטערגעשיקט דעם טעלעפאן רוף אין די ריכטיגע מינוט, ווייל דער רב האט מיר דערציילט אז ער האט א גוי אין יאס מיט וועמען ער איז נאנט און ער האט שוין יענעם גענוצט צו ערלעדיגן פארשידענע זאכן. יענער רב פון כדתיא האט ערלעדיגט אז דער גוי זאל מיר אפווארטן אין לופטפעלד אין יאס, ברוך השם דער גוי האט אונז אפגענומען פון לופטפעלד, מיר און די קינדער.

איך האב געזען וויאזוי דער אייבערשטער באגלייט מיר אויף טריט און שריט, טראץ וואס איך בין געווען ערשעפט, און איך האב פונקציאנירט אויף ווייניג שלאף, האט עס מיר מחזק געווען צו זעהן וויאזוי דער גרויסער באשעפער העלפט מיר אפילו אינמיטן די מיטמאכענישן.

דער גוי וואס האט מיר געדרייווט פונעם לופטפעלד האט מיר געזאגט אז ער האט געשיקט א צווייטן גוי איינצוקויפן פאר מיר א נייעם טאפ, גרינצייג, א פעקל רייז, אז כ'זאל קענען קאכן עפעס כשר'ס.

מאנטאג פארנאכטס האב איך זיך געטראפן קאכן א נאכטמאל פאר מיר און מיינע קינדער ביי א פרעמדן גוי אין די ווייטע שטאט יאס אין ראמעניע – עפעס וואס איך האב אין מיין



מען קאכט כשר'ע עסן אין שטאט יאס

ווילדסטן חלום נישט געקלערט אז ס'וועט אמאל פאסירן צו מיר. איך בין אויך איבערגעשלאפן ביים גוי אינדערהיים מיט מיינע קינדער, ברוך השם דער גוי איז געווען זייער העפליך צו אונז, פארשטייענדיג אז מיינע קינדער זענען אויסגעמאטערט און ווילד פון אזויפיל וואנדערן.

### פון יאס קיין בוקארעסט און די אנטוישונג אין לופטפעלד

דינסטאג אינדערפרי זענען מיר אויפגעשטאנען ביים גוי אינדערהיים, די קינדערלעך האבן שטארק פארפירט אז זיי ווילן נישט דארטן בלייבן. מיר האט אויך נישט געשמעקט צו בלייבן איינשטיין ביי א גוי, האב איך דעריבער פרובירט צו אראנדזשירן א רייזע קיין בוקארעסט, האפנדיג אז דארטן זענען דא אידן און מער געלעגנהייטן אז איך זאל קענען ארויספארן פון ראמעניע אויב מעגליך קומען קיין אמעריקע פון דארט.

איך האב מיר איינגאנצן איבערגעגעבן צום אייבערשטן ער זאל מיר ווייטער פירן אויף דעם ריכטיג'ן וועג, אזוי קוקענדיג האב איך געזען אז דער וועג פון יאס קיין בוקארעסט דויערט זיבן שעה, וואס כ'האב גלייך געוואוסט

אז דאס וועט זיין נאך א לאנגע וועג וואס וועט שטארק אויסמוטשענען און האבן אן אפעקט אויף די קינדערלעך. קיין ברירה האב איך אבער נישט געהאט, כ'האב געזוכט שנעל א טעקסי, אבער יענער האט געוואלט דריי הונדערט דאלער און נאר אויב איך באצאל עס פון פאראויס. כ'האב נישט געהאט קיין רויטן גרייצער אין טאש דאס צו צאלן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן די געלט פאר די וועג, שכח אייבערשטער א גוטער איד האט זיך מרחם געווען און מיר געשיקט דאס געלט.

מ'האט זיך ארויסגעלאזט מיט די קינדערלעך אויפן וועג קיין בוקארעסט, פארנדיג זיבן שעה אן קיין אפשטעל, איך האב פרובירט אביסל צו לערנען מיינע שיעורים אויפ'ן וועג, איך בין אנגעקומען בערך צוועלעף אזייגער ביינאכט. די גאנצע צייט בין איך געווען אויפן טעלעפאן מיט אידן וואס האבן מיר געהאלפן, עמיצער האט מיר שוין געהאט באשטעלט טיקעטס קיין אמעריקע פאר מיר און מיינע קינדער, אזוי אז איך זאל קענען פארן צום בוקארעסט לופטפעלד און זיך הייבן מיטוואך פארטאגס קיין אמעריקע, האפנדיג צו ענדיגן דעם שווערן גלות ליידן.

איך האב געהאט שווערע קאמפליקאציעס מיט מיינע



מען ווארט אויף די באס
אין קישענוו

פאפירן. מיין יונגסטע קינד, א בעיבי, האט אן אמעריקאנער פאספארט און אן אוקראינישע, ביים אנקומען קיין בוקארעסט האב איך זיך געכאפט אז מיין קינד'ס אמעריקאנער פאספארט ליגט אין אמעריקע, ווייל איך האב עס געהאט אהינגעשיקט צו מאכן א סאושעל סעקיוריטי קארטל פאר אים. אויך מיין וויזע וואס וואלט מיר ערלויבט צו פארן קיין אמעריקע איז געבליבן אין אומאן, ווייל כ'האב עס נישט מיטגענומען, קלערנדיג אז מען פארט נאר ארויס פון אוקראינע פאר עטליכע טעג.

מענטשן האבן מיר געזאגט אז מען וועט מיר ארויפלאזן געהעריג אויפן פליגער, איך זאל נאר צייגן א קאפיע פון מיין וויזע און אלעס וועט זיין גוט. די לופטליניע באאמטע האבן מיר אבער געזאגט אז זיי גייען מיר נישט ארויפלאזן ווייל איך האב נישט די נויטיגע דאקומענטן צו קענען פליען קיין אמעריקע. כ'האב זיך פרובירט איינבעטן און מסביר זיין מיין געשיכטע און מיין דורכגאנג, אבער גארנישט האט געהאלפן.

אזוי איז אריבער א גאר שווערע נאכט אינעם בוקארעסט לופטפעלד. די קינדער זענען געווען אויסגעמאטערט און זענען ארומגעלאפן אינעם לופטפעלד זייענדיג שיכור מיד. אבער איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אז מיינע קינדער זענען געזונט ברוך השם.

ענדליך פינף אזייגער פארטאגס זענען זיי איינגעשלאפן ערשעפט אויף די פאדלאגע פונעם לופטפעלד נעבן דאס רענצל און ביסל פעקלעך. אבער בשעת די קינדערלעך זענען געשלאפן, האב איך מיט גרויס אנטוישונג מיטגעהאלטן וויאזוי דער פליגער קיין אמעריקע הייבט זיך, אן מיר. שוין! גם זו לטובה!

**ערב שבת אינעם קאנסול; באקומען די פאפירן!**

מיטוואך פארטאגס, דאס איז געווען מיטוואך פקודי, בין איך געווען שטעקן געבליבן אינעם בוקארעסט לופטפעלד, מיין שוואגער פון קרית יואל האט מיר

דאן אריינגעקלינגען און געפרעגט וואס ס'טוט זיך מיט מיר, ווען איך האב אים דערציילט מיין צושטאנד, האט ער געדינגען פאר מיר און די קינדערלעך א לאקאלן האטעל נישט ווייט, כ'בין אריבער מיט א טעקסי זיך אויסציען די אויסגעמידעטע ביינער פאר עטליכע שעה, וויסנדיג אז מיינע וואנדערנישן זענען ווייט פון פאראיבער, אבער גלייבנדיג אז דער אייבערשטער וועט מיר נישט פארלאזן.

אין לויף פון מיטוואך האט מען אנגעהויבן ארבעטן צו זעהן וויאזוי איך קען זיך ארויסדערזעהן פונעם מצב. הצעות און פארשלאגן זענען געקומען פון אלע זייטן, איינער האט געזאגט קום קיין בעלגיע מ'וועט אלעס מסדר זיין, א צווייטער האט געזאגט קום קיין וויען, און א דריטער האט געזאגט קום קיין לאנדאן. למעשה האבן רוב עסקנים צוביסלעך אויפגעגעבן, זאגנדיג אז זיי קענען נישט ערלעדיגן א וויזע פאר מיר, זיי האבן מיר געזאגט אז איך האב נישט קיין ברירה, נאר צו פארן קיין ארץ ישראל.

איך האב א גאנצע צייט געזעהן אז עס איז נישט דא אויף וועמען זיך צו פארלאזן, נאר דער אייבערשטער קען מיר העלפן, איך האב געוויינט צום אייבערשטן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז, זיך אויסגעשמועסט מיט'ן אייבערשטן אויף מיין שפראך ״אייבערשטער קוק צו מיין צער און מיטמאכענישן, העלף מיר זיך ארויס זעהן פון דעם מצב ווי אמשנעלסטן״.

דאנערשטאג בין איך ווייטער געווען אין פארבינדונג מיט מיין שוואגער, און מען האט געקלערט צו מאכן טעלעפאן רופן צום אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט און צום אמעריקאנער קאנסול אין בוקארעסט.

דא איז אריינגעקומען אין בילד מו״ה שמואל מרדכי שטערן הי״ו, דער וואס ארבעט צוזאמען מיט מו״ה ר' משה דוד נידערמאן הי״ו פון יו-דזשעי-או, זיי האבן טעלעפאנירט צום סענאט פירער, דער ניו יארק סענאטאר טשאק שומער, וועלכער האט באלד געשיקט א מעסעדזש צום קאנסול אז מ'זאל מיר העלפן.

כ'האב געזען ניסים וויאזוי דער אייבערשטער העלפט מיר אויף טריט און שריט, דער באשעפער האט מיר געצייגט אז ער האט מיר ליב טראץ וואס ס'איז געווען אזוי שווער דער מצב.

דער קאנסול האט אויפגעהויבן יעדעס מאל דעם טעלעפאן, וואס איז קלאר געווען א חסד ה', און זיי האבן אויסגעהערט די ביטעס און עמאציאנאלע קאלס פון מיין שוואגער, פון די עסקנים און פון מיין ווייב וועלכע האט זיי מסביר געווען אז איך וואלגער זיך שוין מיט די קינדער אונטערוועגנס פאר א וואך צייט.

דער קאנסול האט מסכים געווען אז איך זאל אריבערקומען מאכן א פאספארט פאר מיין בעיבי, אבער קיין ענגליש קען איך נישט, און דאס וואלט געשטערט די גאנצע זאך. כ'האב טעלעפאנירט ר' נפתלי דייטש פון אומאן וואס ער האט מיר געשאפן א איד וואס קען ענגליש, אבער ר' נפתלי האט מיר געזאגט אז מען וועט ווארשיינליך נישט קיינעם אריינלאזן מיט מיר, ווייל אזוי גייט עס אז מ'מוז קומען



מוצאי ראש השנה אין אומאן תשפ״ב



דער ראש ישיבה רופט אויס נחמן פוקס נ"י ביי א שיעור פרשת ויקהל תשפ"ב נאכן מסיים זיין מדרש תנחומא

אליינס. למעשה איז געווען א נס אז מען האט געהעריג ארייגעלאזט מיר מיט יענעם אינאיינעם, ער האט מיר געהאלפן אויספולן די גאנצע פאספארט אפליקאציע.

ס'איז שוין געווען דאנערשטאג מיטאג צייט ווען מיר האבן געענדיגט אויספולן דעם פאספארט אפליקאציע, און זיי האבן געזאגט אז כ'וועל שוין קענען האבן דעם פאספארט נאכמיטאג. ווען איך האב זיי געפרעגט וועגן א וויזע פאר מיר, האבן זיי געזאגט אז דאס קענען זיי נישט מאכן, נאר עס דארף אריבערגיין אן אפליקאציע אנליין. דא האט זיך אנגעהויבן א פרישע רונדע קאפ ווייטאג.

מיין געטרייער שוואגער פון קרית יואל האט מיר געהאלפן און שנעל אויסגעפולט די אפליקאציע אנליין, באלד בין איך אריבער צו א באשטימטע באנק אין ראמעניע, וואס לויט די פארשריפטן האב איך דארטן געדארפט ארייגלייגן געלט צו באצאלן פאר די אפליקאציע. דערווייל דאנערשטאג נאכמיטאג בין איך אריבער צום קאנסול נאכאמאל און ברוך השם דער פאספארט איז געווען גרייט, אבער די וויזע נאכנישט, זיי האבן מיר איינגערעדט אז פרייטאג און זונטאג זענען זיי צוגעשפארט, כ'זאל צוריקקומען מאנטאג.

מ'האט פרובירט נאכאמאל צו טעלעפאנירן אינעם קאנסול און זיי האבן געזאגט אז מען קען באקומען אן אמורדזשענסי אפוינטמענט, אבער ס'וועט דויערן עטליכע טעג אדער עטליכע וואכן. ווען מיין שוואגער האט זיך איינגעבעטן האבן זיי געזאגט אז זיי ווארטן קודם אז דאס געלט פאר מיין וויזע זאל אריבערגיין און דערנאך וועט מען קענען זעהן פרייטאג ווייטער צי די וויזע אפליקאציע וועט אינגאנצן אריבערגיין.

איבריג צו זאגן אז גלייך פרייטאג פקודי אינדערפרי האט מען טעלעפאנירט אינעם קאונסיל און יא! זיי האבן געזאגט אז דאס געלט איז אריבער און איך קען אריבערקומען פאר אן אפוינטמענט, געלויבט דער אייבערשטער. כ'וויל דא צוליגן אז יעדעס מאל וואס איך בין אריבער צום קאנסול, אהין אהער, יעדע רייזע אין לויף פון דאנערשטאג און פרייטאג, האב איך מיטגעשלעפט אלע קינדער אין די טעקסיס. די דרייווערס האבן געשריגן אז איך ברענג צופיל פאסאזשירן, די קינדער זענען געווען מיד, און כ'בין געווען ווי אויף אן אינזל איינער אליינס, אבער נישט אליינס נאר מיטן אייבערשטן וואס היט מיר און קוקט אויף מיר יעדע מינוט.

דער קאנסול האט מיר פרייטאג אינדערפרי אויפגענומען זייער שיין און געגעבן גוטע סערוויס. ס'האט זיך געמאכט נאך א פראבלעם אז מ'האט עפעס נישט געקענט טרעפן מיין אפליקאציע, וואס האט געמיינט אז כ'האב געדארפט ארויסגיין פונעם קאנסול אויסצופולן שנעל א נייע, אבער דער קאנסול און זיין שטאב האבן ארויסגעצייגט שטארקע ווארימקייט, אדאנק מיינע תפילות וואס האב א גאנצע צייט געבעטן דעם אייבערשטן.

ווען די קינדערלעך זענען

געווארן אומגעדולדיג, האט די קאנסול שטאב געברענגט עפעס טרינקען, און ס’האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס’איז געווען כשר’ע טרינקען פון אמעריקע! ממש א נס.

נאך א האלבע שעה איז אריבער און דער קאנסול קומט צוריק און מעלדט מיר די גוטע נייעס אז ער וועט האבן גרייט די וויזא פאר מיר פרייטאג נאכמיטאג, כ’זאל שפעטער צוריקקומען. כ’האב זיך איינגעבעטן און געזאגט אז איך האב נישט וואו צו גיין, האט ער רחמנות געהאט און געזאגט אז איך קען דארטן פארבלייבן ביז נאכמיטאג מיט די קינדער. די שטאב זיינע האט געברענגט שפילצייג, און מיר האבן געהאט אביסל מנוחה.

### פון בוקארעסט קיין פראנקפורט ביז קרית ברסלב ליבערטי, ניו יארק

געלויבט דעם אייבערשטן אז פרייטאג נאכמיטאג בין איך ארויס פונעם קאנסול מיט די וויזע אין דער האנט, כ’האב געלויבט און געדאנק דעם באשעפער אז כ’האב שוין אלע נויטיגע פאפירן צו קענען פארן קיין אמעריקע, און אויך טיקעטס אויף מאנטאג ויקרא. דער שבת פקודי האט מען געפראוועט אין בוקארעסט, וואו ס’איז געווען א גרויסער שבת מיט נאך פליטים פון אוקראינע, מ’האט געגעסן די סעודות אינעם שוהל. דער ארטיגער רב פארמאגט א גראסערי ער האט אונז אלעס געלאזט נעמען פאר אומזיסט, כ’האב גענומען עסן פאר די קינדערלעך און אביסל אנדערע וויכטיגע זאכן.

מאנטאג אינדערפרי זענען מיר ארויסגעפארן צום לופטפעלד, און געהערט אז דער פליגער וועט זיך אפשטעלן אין פראנקפורט, דייטשלאנד. איך בין געווען באזארגט אז מיינע קינדערלעך וועלן זיין הונגעריג און אויסגעמאטערט, כ’האב געוואלט זיכער מאכן אז כ’וועל האבן כשר’ס צו עסן פאר זיי אין פראנקפורט. צוליב מיין ארבעט אלס משגיח קען איך זיך מיט א רב אין פראנקפורט, און ער האט ערלעדיגט אז ווען מ’האט געלאנדעט אין פראנקפורט האבן מיר אפגעווארט 2 גוים, די גוים האבן מיר געהאלפן שלעפן די פעקלעך, געברענגט א קינדער-וועגעלע פאר די בעיבי אז כ’זאל נישט דארפן שלעפן אויף די הענט ביים גיין צום אנדערן טערמין, און אויך האבן זיי געברענגט איינגעפאקטע כשר’ע עסנווארג, און מיר געוויזן וואו צו גיין.

די גוים זענען געווען ספעציעלע באאמטע וואס האבן געהאט ערלויבעניש ארויפצוקומען אויפן פליגער אריבער די סעקיורעטי, און האבן מיר באגלייט ביז ארויף אויפן פליגער, מאכנדיג זיכער מיט די מאנשאפט אז מען באהאנדלט מיר שיין און מ’פארשטייט מיין מצב. אזוי האב איך געשפירט דעם בצר הרחבת לי וואס דער רבי זאגט, אז אין די צרה זאל מען טרעפן די הרחבה וואס דער אייבערשטער שיקט.

מאנטאג אויפדערנאכט האט מען געלאנדעט אין קענעדי לופטפעלד בשעה טובה ומצלחת, וואו מ’האט מיר אפגעווארט און ברוך השם כ’האב זיך צוריק פאראייניגט מיט מיין פרוי, און מיינע קינדערלעך, אלע ברוך השם געזונט און שטארק, און א לעקציע וויאזוי מען דארף זיך דערהאלטן מיט תפילה אין אלע שווערע צייטן.

ווי נאר מיר זענען אנגעקומען, האבן אלע תושבים אין שטעטל מיר זייער שיין געהאלפן, די הילף האט נישט אויפגעהערט קומען, און מיר זענען זייער שטארק דאנקבאר פאר אלעמען באזונדער.

א חשוב’ער עסקן פון קרית יואל האט מסדר געווען אז מיר זאלן קענען איינקויפן א גאנצע גראסערי ארדער פאר גענצליך בחינם. א שפילצייג געשעפט האט אריבערגעשיקט די היינטיגע וואך פרשת צו א גאנצע הויפן מיט פארשטעלעכץ פאר די קינדערלעך אויפן יום טוב פורים, אין צוגאב צו מאגנעטן, קליקס און אנדערע שפילצייג – וואס די קינדער זענען ממש פרייליך ביז גאר, מיט הערליכע בליטשקעדיגע קאלירן. כלל ישראל איז באמת וואויל.

קיין פלענער אויף ווייטער האב איך נישט, ביזדערווייל וואוין איך דא אין ברסלב’ע שטעטל, מען לערנט די שיעורים יעדן טאג און מען דאווענט, מען שפאצירט אביסל יעדן טאג און מען רעדט צום אייבערשטן.

# קינדער אפטיילונג

## גוטע עַקְשָׁנוּת

קִינְדֶער צִי וֵוייסְט אִיר אוֹיבּ זַיין אַן עַקְשָׁן אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיף וָואס מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ; אוֹיבּ אִיז דָאס אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח) וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֲפִילוּ מֶען הָאט מְנִיעוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַנְדֶערֶע זַאכְן - דָארְט אִיז עַקְשָׁנוּת נִישְׁט גוּט".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תל), דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן זַיין מֵיינוּנְג אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט פִירְן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי


אִיךְ מוּז מִיטְגֵיין!

וֶועלְט, אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶע׳עַקְשְׁנְ׳ט בִּיז עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפִּירְט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִּינְף יָאר אַלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעוָואלְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דִי הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פֵּיְגָא - דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי׳ן - הָאט בַּאקוּמֶען דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶּיקֶת אָדְל, וָואס זִי הָאט גֶע׳יַרְשְׁ׳נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב; דָארְט אִין שְׁטוּבּ פְּלֶעגְן קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, זֵיי פְּלֶעגְן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט זִיךְ צוּהֶערְן.

אֵיינְמָאל הֶערְט דֶער רֶבִּי וִוי דִי צַדִּיקִים שְׁמוּעֶסְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי גֵייעֶן פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער בַּעַל תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: ״אִיךְ וִויל אוֹיךְ מִיט פָּארְן, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק״; אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיפְ׳ן קְלֵיינֶעם נַחְמָן אוּן זָאגְן: ״דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען, דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִּינְף יָאר, דִי וֶועג אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע, מֶען קֶען דִיר נִישְׁט מִיט נֶעמֶען״.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויסְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע פִּיס אִינֶעם רֶעדְל פוּנֶעם וָואגְן, דֶער בַּעַל עֲגָלָה קוּקְט וִוי דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן לִיגְט מִיט זַיינֶע פִּיס אִין רֶעדְל, עֶר שְׁרֵייט: ״אִינְגְל, שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף! לָאז דֶעם וָואגְן פָּארְן״! דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, עֶר וִויל אוֹיךְ זֶען דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק, דֶער תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף.

אוֹיפְ׳ן וָואגְן אִיז גֶעזִיצְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, רֶבִּי חַיִּים קְרַאסְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶס בְּרֶענְט אִין דֶעם אִינְגְל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעפּ אַרַיין אִין וָואגְן, עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ הִיטְן אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ דַאנְק דֶעם צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים קְרַאסְנֶער פַארְ׳ן מִיר מִיט נֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען זֶען אֵיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין וָואס עַקְשָׁנוּת אִיז; עֶס קֶען זַיין זֵייעֶר אַ גוּטֶע מִדָּה אוּן עֶס קֶען זַיין זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה. וֶוען דִי טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן וָואס צוּ טוּן - דֶעמָאלְט פָאלְגְט מֶען אֲפִילוּ מֶען וִויל אַנְדֶערְשׁ, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן.

# טרעף

די פאלגנדע ווערטער



## טרעף 14

# קבלת התורה

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ח | ק | ק | ח | ל | ט | ו | נ | כ | ע | ד | ק | ס | ל | י | א | ק | ד | ש | ק | ג |
| נ | ב | ק | ב | צ | ז | ע | א | צ | כ | ט | נ | ב | ח | כ | ב | א | כ | ע | ה | ס |
| ק | ל | ב | ג | ל | פ | ק | מ | ד | ק | ה | ו | ג | ל | ל | א | פ | ז | ר | ק | ק |
| ה | ת | ל | ל | ד | ת | ד | ב | י | ר | ה | א | נ | ת | ת | ט | ב | ו | כ | ג | ב |
| ר | ה | ת | פ | א | ה | ה | ת | ו | ר | ס | א | ה | ז | ס | ה | ת | ט | ה | ה | ל |
| ו | ת | ה | נ | כ | ע | ע | ת | ו | ו | פ | ת | ג | ס | י | ה | ת | ל | ר | מ | ת |
| ת | ו | ת | ת | ל | ט | ה | ת | ו | ב | ו | ט | ר | ה | ת | ד | כ | ו | ח | מ | ה |
| ה | ר | ו | ה | ח | ת | ה | ק | מ | ר | כ | ו | א | ל | א | צ | ת | א | ר | א | ת |
| ת | ה | ר | י | ל | ת | ז | ס | ה | ו | ה | מ | ב | ק | ח | ה | ת | ש | ר | ה | ו |
| ל | פ | ה | ב | ל | ח | ד | ל | ח | ב | צ | ק | ר | ע | ת | ט | ב | ו | ג | ר | ר |
| ב | נ | ק | ב | ה | ר | ו | ת | ה | ת | ל | ב | ק | ל | ג | א | ה | ג | ת | ב | ה |
| ק | נ | ק | ה | ר | ו | ת | ה | ת | ל | ב | ק | ב | ו | ס | ה | כ | ט | ט | מ | ט |
| ו | א | ת | צ | ו | ח | צ | פ | ש | ק | ה | ק | ה | ר | ו | ת | ה | ת | ל | ב | ק |

העלף

נחמן נתן

אנקומען

דאווענען

יום טוב

שבועות









# שיעור מיטן רבי'ן א

## אֱמֶת

**כו.** אִישׁ וְאִשָּׁה שֶׁרְגִילִין לוֹמַר שֶׁקֶר, הַבָּנִים שֶׁלָּהֶם יִהְיוּ מִתְנַגְּדִים גַּם יִהְיוּ פּוֹגְמִים בַּבְּרִית.

**טייטש.** מַאן און וַוייבּ וָואס זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן לִיגְנְט, וֶועלְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זַיין מִתְנַגְּדִים, און דִי קִינְדֶער וֶועלְן טוּן עֲבֵירוֹת.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | 3 | |
| 5 | | 4 | | 6 | |
| | 2 | | | | |
| | | | 6 | | 1 |
| | | 6 | 4 | | |
| | 5 | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 7 | | 5 | 9 | | 4 | 2 | | 1 |
| 2 | | | 8 | | 6 | | | 9 |
| 8 | 9 | | | 1 | | | 4 | 6 |
| 3 | | 4 | 5 | | 7 | 8 | | 2 |
| 6 | | | 4 | | 3 | | | 5 |
| | | | | | | | | |
| | | | | | | | | |
| | 5 | 7 | | | | 9 | 1 | |
| 9 | 3 | 8 | 7 | | 1 | 6 | 2 | 4 |



# חידות

## אפטיילונג

**וועלכע פון די שבטים זיצן בייַם טויער פון גן עדן, און לאזט נישט אריין ווער עס האט געזאגט משניות?**

\-----------------

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער צדיק רבי שלמה מ'זעוויל זכותו יגן עלינו האט זיך אויסגעדרוקט: "א מענטש וואס לערנט נישט גמרא, יענעם טאג:

**ענטפער:** האט ער א פנים ווי א הינט רחמנא לצלן

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**חי' היימליך תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת בחקותי?

## פון אויבן אראפ.

1. קוק, ביסט יא שיין, ביסט יא _____, האסט אין דיר אזויפיל גוטס

4. כאפ א פרק משניות, כאפ א בלאט גמרא, וועט זיך דיר אלעס _____ צום גוטן

5. _____ שטארקט די נערוון, די לעבן ווערט זיס און געשמאק

6. דער רבי לערנט אויס צו _____ צום אייבערשטן, זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן

8. די וואס האבן נישט קיין _____ די פאלן _____

9 . שטארק דיך מיט דיינע _____ _____

11. כאפ ארויס אביסל _____ און לערן דיינע

12. עס איז דאך אזוי אנדערש ווען מען לעבט מיט א _____, מען האט א קלארע לויטערע אמונה

15. עס איז נישטא נאך אזא חשוב'ע און וויכטיגע זאך ווי _____

16. לייג אריין אין די קינדער _____ _____, רעד צו זיי פון שכר ועונש

## פון רעכטס צו לינקס.

2. הויב אן צוריק הפצה, וועט דיר נישט פעלן קיין _____

3. א שאד די _____, עס וועט דיר גארנישט העלפן

7. גיי הפצה, געב די גוטע _____ פאר אידישע קינדער

10. זיי זיך _____ _____ צו זיין פרייליך

13. שטארק זיך און שטארק דיין _____

14. עס איז דא אסאך צו לערנען, אבער דער אנהויב דארף זיין אין _____ און גמרא

17. זע צו לערנען יעדן טאג אביסל _____

18. _____ איז די טריק פאר גוטע קינדער

19. בעט דעם אייבערשטן פאר דיינע קינדער זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע _____

20. _____ זיך מיט תפלה והתבודדות



# ענטפערס פון פאריגע וואך



## וואו און ווען איז דאס?

אינעם ערשטן בית המדרש אין שטעטל

ערב יום טוב שבועות תש"פ

בס"ד

# תנו לה מפרי ידיה,
# ויהללוה בשערים מעשיה

וועלט פון חיזוק

שטייענדיג בעפאר דעם גרויסארטיגן קאמפיין לטובת די הייליגע מוסדות, וואס וועט זיך אנהויבן בקרוב אי"ה, איז יעצט די ריכטיגע צייט אויסצודרוקן א שטארקע הכרת הטוב פאר די חשובע פרויען און מיידלעך וואס האבן אריינגעלייגט אזויפיל כוחות ביים פאריעריגן קאמפיין, זיי האבן אריינגעברענגט שיינע נדבות פון קרובים און באקאנטע, און מיט דעם געהאט א גלייכן חלק אין די פילע זכותים וואס קומען ארויס פון היכל הקודש

## העכער $2000

מרת רבקי מרקוס, מרת הענדי סאמעט, מרת ביילא שינדל וועבערמאן

## העכער $1000

מרת שרי ווייס
מרת שרה חנה שטיין
מרת הענטשי פרידריך
מיס אסתי שארף
מרת חיי בירנבוים
מרת חנה זיסי פיש
מרת קריינדי פעלדמאן
מרת חיילע שטיינבערג
מרת קריינדי הערצאג
מרת מרים אסתר שניצלער

## העכער $500

מרת סימי שניצלער
מרת שרהלע פיש
מרת חני יאקאבאוויטש
מרת רבקי באלאבאן
מרת שרה רבקי אפענהיים
מרת שרה רייזי טיקאלסקי
מרת אידי אינדיג
מרת פריידי ראטה
מרת חוה לאה לאנדא
מרת אסתי מזרחי

## ביז $500

מרת גיטי אפפעל
מרת מלכה שטראססער
מרת אסתר צוויבל
מרת אסתי פאללמאן
מרת בלימי פארקאש
מרת חיי שרי קרויס
מרת מרים פעלדמאן
מרת חני שמן
מרת פערעלע הילפרען
מרת פייגא יוטי ראטא
מרת חי אלא גליק
מיס שרי אפפעל
מרת דבורי זאפיר
מרת לעזער מנהלת
מרת פייגא יוטי כץ
מרת רויזי גליקמאן
מרת מלכי אינדיג
מיס אדי וועבערמאן
מיס גיטי אפפעל
מרת פריידי ברוין
מרת הדי יאקאבאוויטש
מרת חמי שניצלער
מיס דבורי אינדיג
מרת לאהלע איידליס
מרת שרהלע מייזעלס
מיס שרי לעווי
מרת גיטי יאקאבאוויטש
מיס פערי שארף
מרת רויזי אינדיג
מרת חי אפפעל
מרת תמי פינטער
מרת שיינדי פרידמאן
מרת אסתר פראדי שניצלער
מרת אסתי ברים
מיס פריידי וויזער
מרת לאה מזרחי
מרת רבקהלע איידליס
מרת חי ביילי רייניץ
מרת שרי ברים
מרת אסתר ראזענבערג
מיס רחלע שניצלער
מיס לאה פייגי בלום
מיס לאהלע איידליס
מרת מרים ראצי איידליס
מיס מירי מזרחי
מרת זלאטי פריינד
מרת לאהלע יאקאבאוויטש
מרת סימי ברים
מרת רבקה חני טיטלבוים
מרת אפפעלדארפער
מרת יענטא רייזי זעלקאוויטש
מרת לאהלע וועבערמאן
מרת פייגעלע יאקאבאוויטש
מרת יענטי וועבערמאן

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאלן אייך ביישטיין, איר זאלט געהאלפן ווערן מיט אלע ישועות, געזונט פרנסה און נחת וכל טוב סלה.

דאס יאר וועלן מיר זיך פריש אנגארטלען מיט נייע כוחות צו העלפן אונזערע הייליגע מוסדות, וואס מיר אליין פארדינען אזויפיל פון דעם פלאץ, און עס העלפט אזויפיל טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט.



**רבות בנות עשו חיל,**
**ואת עלית על כולנה**

# אנשי חיל



## אונזערע העלדן



אנ״ש אין ב



ביהמ״ד מקור השמחה קרית ברלסב



המפיץ מו״ה שלום שניצלער הי״ו שרייבט אונטער



היכל הקודש וויליאמסבורג זענען ווארעם צום קאמפיין



מו״ה אייזיק ראטה הי״ו שליסן זיך אָן



מסיבה פאר אנ״ש אין מאנסי



מו״ה לייבי אפעל הי״ו



מו



ווארימקייט צו די הייליגע מוסדות אין בארא פארק



די בחורים אין ישיבה ווערן שותפים



...בארא פארק שליסן זיך אָן



מסיבה אין שטוב פון מו"ה לייב אַפּפעל הי"ו



משפחת האלצער ה"ו ביים אונטערשרייבן



קרית יואל קומט זיך צוזאם זיך אנצושליסן



אנשי שלומינו אין דזשורזי סיטי



...ה שבתי מזרחי הי"ו



מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו



מסיבה אין שטוב פון מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו



...אין שטוב פון משה יחיאל פעלדמאן הי"ו

# בית המדרש היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי יצ"ו

**נתייסד ע"י כ"ק מרן הגה"ק מוהרא"ש זי"ע – בנשיאות הראש ישיבה שליט"א**

*181 Huschke Rd Hurleyville NY 12747*

## זמנים ליום טוב שבועות

## שבת במדבר

**מנחה ערב שבת** ........................................................ 08:30

**דער ראש ישיבה וועט דאווענען אין בית המדרש "אשר בנחל"**

**שחרית** ............................................................................ 9:30

**דער ראש ישיבה וועט דאווענען אין בית המדרש "עצתו אמונה"**

(אויב עס וועט נישט רעגענען)

**מנחה שבת נאכמיטאג**................................................... 8:30

## ערשטע טאג

**שבועות ביינאכט וועט מען זיך צאמקומען אין ביהמ"ד אויף האשקי 01:30**

**עלות השחר 3:35**

**שחרית**.......................................................................... 11:00

**עס וועט זיין א קידוש נאך שחרית**

**מנחה מיט קריאת תנאים**............................................... 8:00

## צווייטע טאג

**שחרית**.......................................................................... 10:30

**עס וועט זיין א קידוש נאך שחרית**

**מנחה מיט קריאת כתובה**............................................... 8:00

**מוצאי יום טוב וועט מען טאנצן צוזאמען אין בית המדרש**